ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# מדרש חכמים
# סדר ויקרא

אידיש

**432**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# ספר
# מדרש חכמים
## על התורה
# סדר ויקרא

דאס האבן מיר מעתיק געווען פון הייליגע ספרים און טייערע פירושים על התורה, אלשיך הקדוש, אור פני משה, נחל קדומים, אור החיים, כלי יקר, אור הגנוז.
מיר צייגן מיט דעם דאס אלעם וואס געפינט זיך אין די ספרי מוסר, געפינט זיך דאס אלעם אין די הייליגע תורה, דאס וועט דער קוויקען אלע מענטשען וואס ווען דאס לערנען, צו וויסן פון דעם ווי יעדער יוד זאל זיך נוהג זיין אין אלע זאכען, ער זאל זוכה זיין לעולם הבא.

נעתק ממני יונה דוד ראבינאוויץ מסעמיאטיין.

בהוצאות בית מסחר הספרים של יעקב הכהן גינזבורג באברויסק

❖

**הוצאת אמונה**
ברוקלין נוא יארק, שנת תשמ"ו לפ"ק

א (א) ויקרא אל משה אונ גאט האט גרופן צו משה (וידבר ה' אליו מאהל מועד)
אונ גאט האט צוא איהם גירעד פון אהל מועד (לאמר) אזו צו זאגין.
דארף מען פארשטיין איינמאל וועגין וואס שטייט אין דיא תורה דער א' פון ווארט ויקרא
אקליינע א'. אונ נאך דארף מען פארשטיין. מיר גיפונען פיל מאהל אז דאס ווארט
דיבור רעדין איז דיא כוונה ער האט גירעד דיבורים קשים. הארטע רייד מיט כעס.
אונ דאס ווארט אמירה זאגין איז די כוונה ווייכע זאג. איז דאך קשה וואס זאגט דא
דער פסוק ביידע ווערטער. וידבר וגו' אונ ער האט גירעד דאס איז אלשון קשה.
לאמר אזוי צו זאגין. דאס איז נאר אלשון רכה. טייטשט דער ספר אור פני משה
אזוי דעם פסוק. דער מדרש זאגט אז דער משכן האט נאר גידארפט הייסן אהל וייל
אהל איז דער טייטש אגיצעלט. וואלט גיוועזן דיא כוונה עס זאל שטיין אויף אייביג.
נאר וייל גאט האט געוויסט אז די ישראל וועלין זינדיגען. אונ וועגין זייערע זינד
וועט דער משכן חרוב ווערין. נמצא איז דאך דער משכן שוין ניט קיין אייביגע זאך.
איבער דעם האט גאט אים גירופען מיט דעם נאמין אהל מועד. ווארום מועד איז
דער טייטש אצייט איז דיא כוונה פון דעם נאמין אהל מועד אגיצעלט אויף אצייט.
ווען די ישראל וועלין גיין בדרך הטוב והישר וועט דער משכן זיין בייא זיי. אונ ווען
זייא וועלין זינדיגען וועט דער משכן חרוב ווערין אונ זייא וועלין פארטריבין ווערין אין
גלות. אונ אין פרשה חקת (פרשה כ' פסוק י"ב) שטייט ווען גאט האט גיהייסן צו
משה אז ער זאל רעדין צום שטיין ער זאל געבין וואסער. אונ משה האט נאר דעם
שטיין גישלאגין. האט גאט גיזאגט צו משה מיט אהרן וייל איהר האט ניט גירעד
צום שטיין דרום וועט איהר ניט אריין ברענגין די ישראל אין לאנד אריין. נאר איהר
וועט שטארבין אין חוץ לארץ. זאגט דער זהר הקדוש (אין פרשה תצא) ווען משה
רבינו וואלט ניט גיווארין באגראבין חוץ לארץ ישראל וואלטין דיא ישראל חלילה ניט
גיקענט ארויס געהן פון גלות. נאר פון זיין זכות וועגין וואס ער וועט דארפין אויף
שטיין תחיית המתים אין אריין גיין קיין ארץ ישראל וועט ער מיט זיך מיט נעמין
אלע ישראל פון גלות. מיט דעם איז שוין אלץ פארענפערט. איבער דעם שטייט
דאס ווארט ויקרא מיט אקליינע א'. ווארום דאס וייזט אז עס איז גלייך וויא עס שטייט
ויקר א'. אונ ויקר איז דער טייטש עס האט געטראפין. אונ א' איז איינס. איז דיא
כוונה פון דעם פסוק אזוי. ויקר אונ עס האט גיטראפין א' איין זאך אל משה צו
משה. דאס וואס ער האט ניט גירעד צום שטיין אזוי וויא גאט האט אים גיהייסען.
איבער דעם וידבר ה' אליו האט גאט צו אים גירעדט הארטע רייד מיט כעס אונ האט
אים גיזאגט דאס ער וועט ניט אריין גיין קיין ארץ ישראל נאר ער וועט שטארבין
חוץ לארץ ישראל. נאר וייל משה רבינו איז גיוועהן זעהר אטרייער מנהיג פון דיא
ישראל. אונ ווען ער האט גיזעהן מאהל מועד דאס דער משכן ווערט גירופין אהל
מועד. ניט אהל. איז דאך דיא כוונה אז דער משכן וועט חרוב ווערין אזוי וויא מיר
האבין פריער געשריבען. אונ די ישראל וועלין גיין אין גלות. דאמאלס לאמר איז דער
דיבור פון גאט צו אים דאס ער זאל נקבר ווערין אין חוץ לארץ. איז דאס ביי אים
גיוועזן איין אמירה רכה אווייכע זאג. ווארום פון דעם וועט ארויס קומען אטובה צום
כלל ישראל זיי וועלין דורך זיין זכות אויך זוכה זיין צו געהן צוריק קיין ארץ ישראל:
דער ילקוט זאגט איבער דעם איז דיא אלף פון דעם ווארט ויקרא אקליינע. ווארום
אלף איז דער טייטש לערנין. קומט דאס צו ווייזין. ווען דאס קליינע קינד הייבט אן

צו לערנין חומש הייבט מען מיט איהם אן ספר ויקרא פריער צו לערנין. אונ אזוי וויא אין דעם ספר ויקרא שטייט די דינים פון קרבנות וואס זייא זענין מכפר אויף דיא עבירות. אזוי די תורה פון די קליינע קינדער איז מליץ אויף די ישראל פון וועגין מכפר צו זיין אויף זייערע עבירות: (ב) דבר וגו׳ רעד צו די יודין אונ זאלסט צו זיי זאגין (אדם כי יקריב מכם) ווען איין מענטש פון אייך וועט וועלין מקריב זיין איין קרבן צו גאט (מן הבהמה וגו׳) פון בהמות אונ רינדער אונ פון שאף (תקריבו את קרבנכם) זאלט איהר מקריב זיין אייערע קרבנות. איז דאך קשה דער פסוק הייבט אן מיט אלשון יחיד. פון איין מענטש. אדם כי יקריב ווען איין מענטש וועט מקריב זיין. אונ צום סוף פירט אוים דער פסוק תקריבו איהר זאלט מקריב זיין. אלשון רבים פון אסך מענטשין. נאר ספרים שרייבין די כוונה פון די קרבנות איז דער עיקר נאר וועגין דעם דאס דער מענטש זאל זיך ברעכינען אז די אלע זאכין וואס מען טוהט אין זיין קרבן וואלט מען דאס בדארפט טוען אין דעם מענטש זעלבסט. ווארום ווען דער מענטש זינדיגט איז ער מחויב אשטראף פון די ארבע מיתות בית דין. סקילה. שריפה. הרג. וחנק. אונ בייא קרבן גפונט זיך דיא אלע ארבע מיתות. ווען מען בונד דעם קרבן אונ מען ווארפט אים אנידער אויף דיא ערד. איז דאס גלייך ווי סקילה. ווען מען שעכט אים איז דאס גלייך ווי חנק. ווען ער ווערט טויט הייסט דאס הרג. אונ דער נאך ברענט מען אים איז שריפה. אונ ווען דער מענטש ברעכינט זיך אז ער איז דאס אלץ מחויב אזוי וויא עס שטייט אין פסוק (יחזקאל י״ח ד׳) (הנפש החטאת תמות) דער מענטש וואס זינדיגט איז חייב מיתה. נאר גאט האט רחמנות אויף די מענטשין האט ער זיי גיגעבין אתקנה דאס זיי זאלין תשובה טוען אונ חרטה האבין אויף זייערע זינד אונ זיך מתודה זיין פאר גאט מיט אצוברעכינעם הארץ. אונ אויף זיך מקבל זיין דאס אויף ווייטער זאל ער שוין מער ניט זינדיגען וועט אים גאט מוחל זיין. דאס איז דער עיקר כוונה פון דעם מקריב זיין אקרבן אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (תהלים נ״א י״ט) זבחי אלהים רוח נשברה וגו׳ דער עיקר כוונה פון דעם וואס מען איז מקריב אקרבן איז נאר פון וועגין דאס דער גידאנק פון מענטש זאל ווערין צוברעכין זאל זיך ניט האלטין בגאוה. תאות האבין אונ דיא גמרא יומא (דף פ״ה) זאגט גדולה תשובה שאפילו יחיד שעשה תשובה מוחלין לו ולכל העולם. די תשובה איז זעהר איין גרויסע זאך ביי גאט. אז ווען אפילו נאר איין ישראל טוהט תשובה איז מען אים מוחל אויף זיינע זינד אונ פון זיין זכות וועגין איז מען מוחל צום כלל ישראל אויף זייערע זינד. דאס איז די כוונה אין דעם פסוק. (אדם כי יקריב) ווען אפילו נאר איין מענטש וועט מקריב זיין. (מכם) אונ דאס מקריב זיין קומט פון אייך כלומר פון דעם גאנצין הארץ מיט אלע אברים. (קרבן לה׳) אונ דער מענטש ברעכינט זיך דאס ער אליין האט גידארפט ווערין אקרבן צו גאט. אונ דורך דעם טוהט ער תשובה. (מן הבהמה וגו׳) ווען אויך זיין גוף בלייבט דאך אין גאנצין נאר דיא בהמה ווערט נקרב פאר אקרבן. פון דעסט וועגין (תקריבו את קרבנכם) איז דאס ביי מיר גאט אזוי חשוב ווי איהר אלע וואלט מקריב גיוועזן אייער אייגינעם קרבן כלומר אייער גוף. אונ דורך דעם איז גאט מוחל צום גאנצין כלל: אונ נאך קען מען טייטשין דעם פסוק (ב) אזוי. דבר וגו׳ אדם כי יקריב וגו׳ רעד צו די יודין ווען אמענטש וועט מקריב זיין אקרבן. איז קשה פאר וואס שטייט ניט איש כי יקריב. וואס שטייט עפעס דאס ווארט אדם. זאגט דער ס׳ עוללות אפרים אזוי. מיר גפונען אין פסוק ווערט דער מענטש גרופין

מיט

מיט פיר נעמין . איש . אנוש . גבר. אדם . אונ אויך גפונען מיר דאס דיא נעמין איש . אנוש . גבר . איז ביי זיי אחילוק צו מען רעדט מיט זיי פון איין מענטש . צו כ'ען רעדט מיט זיי אויף אסך מענטשין . ווען מען רעדט מיט זיי אויף איין מענטש זאגט מען איש . אדער אנוש . אדער גבר . אונ ווען מען רעדט מיט זיי אויף אסך מענטשין זאגט מען אישים . אדער אנשים . אדער גברים . אבער דער נאמין אדם איז קיין חילוק ניט צו מען רעדט מיט איהם אויף איין מענטש . צי אויף אסך מענטשין . זאגט מען אלץ דאס ווארט אדם . דאס ווייזט אז עס בדארף ביי די מענטשין זיין אחדות זיי זאלין זיך אלע מתחבר זיין איינער מיט דעם אנדערין . זיי זאלין זיין גלייך ווי איינס . דאמאלס איז ווען איינער טוהט אמצוה איז דאס גלייך וויא אלע וואלטין דאס גטועין אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (ישעי' ס' כ"א) נצר מטעי גאט ברוך הוא רופט די יודין זיי זענין זיין פערפלאנצטער בוים דער כלל ישראל איז דער בוים אונ יעדער יוד באזונדער איז די צווייגן . אונ אזוי וויא ווען אויף איין צווייג פון בוים וואקסט שיינע פירות זאגט מען ניט אז אויף די צווייג וואקסט שיינע פירות . נאר מען זאגט אז אויף דעם בוים וואקסט . אזוי ווען איין יוד טוהט אמצוה איז ער מזכה דעם גאנצין כלל . דאס זאגט דער פסוק (אדם) ווען דיא מענטשין ווערין גרופען מיט איין נאמין אדם וואס דאס ווייזט אויף אחדות . (כי יקריב) ווען אויך איינער פון זיי וועט נאר מקריב זיין אקרבן וועט דאס זיין גלייך (מכם) וויא פון אייך . גלייך ווי איהר אלע וואלט מקריב גיוועזן . (קרבן לה') אונ דאס וועט זיין אקרבן צו גאט . אבער (מן הבהמה וגו') ווען איהר וועט זיך פירין מיט מחלוקת . איהר וועט זיך אבשיידין איינער פון דעם אנדערן . אזוי ווי די בהמות האלטין זיך ניט מיט אחדות . דאמאלס ווען אויך (תקריבו) איהר אלע וועט מקריב זיין פון דעסטוועגין (את קרבנכם) וועט דאס בלייבין אייער קרבן עס וועט ניט ווערין אנגנומען צו גאט : אונ נאך איז דער פסוק מרמז . אדם וגו' . דאס ווארט אדם איז מרמז אויף אארומען מענטש . דער א' מאכט אביון . דער ד' מאכט דל . דער מ' מאכט מך . זאגט דער פסוק . (אדם כי יקריב) ווען איין ארומער מענטש וועט מקריב זיין אקרבן מכם . פון די צדקה וואס ער נעמט פון אייך (מן הבהמה וגו') קויפט ער אבהמה אויף אקרבן . (תקריבו את קרבנכם) איז דאס גלייך וויא איהר אליין וואלט דעם קרבן מקריב גיוועזן . עס איז אויף אייך אויך מכפר נאך זאגט אונז דער פסוק (אדם כי יקריב וגו') ווען אמענטש וויל מקריב זיין אקרבן (מן הבהמה וגו') זאל זיך דער מענטש אפנעמין אמוסר פון דיא בהמות וויא אזוי גאט צו דינען . אזוי וויא ישעי' הנביא זאגט (ישעי' א' ג') (ידע שור קנהו) דער אקס דערקענט זיין האר וואס ער האט איהם גקויפט (וחמור אבוס בעליו) אונ דער אייזעל קען זיין האר וייל ער גיט איהם צו עסין . אזוי בדארף דער מענטש קענין גאט מיט דעם וואס ער האט איהם בשאפין . אונ מיט דעם וואס ער גיט איהם צו עסין . אונ אויך שטייט אין פסוק (איוב ל"ד י"א) (מלפנו מבהמות הארץ) זאגט דיא גמרא (עירובין ק') דעם טייטש פון פסוק אזוי . גאט מאכט אונז לערנין פון די בהמות פון לאנד . ווארום יעדערע מין בהמה אדער חיי האט אן זיך אזעלכע גוטע הנהגה וואס דער מענטש בדארף זיך די גוטע הנהגה פון איהר אפלערנין . אונ ווען דער מענטש זעהט אז די בהמה האט אין זיך די גוטע הנהגה למשל צנועות . אבער רחמנות . אבער זריזות . בדארף דער מענטש זיך דאס פון איהר אפלערנין דאס מיינט דא דער פסוק אויך . ווען אמענטש וויל מקריב זיין אקרבן איז דער עיקר ער זאל טוען תשובה פון אלע מעשים רעים אונ זאל אויף זיך מקבל

זיין

זיין צו טוען מעשים טובים. ווארום לפחות ווען ער איז מקריב די בהמה פאר זיך אויף אקרבן עס זאל אויף איהם מכפר זיין. בדארף ער זיך ניט זיין ערגער פון די בהמה. ער בדארף לפחות האבין די גוטע מידות וואס זיא האט. אונ זיא טוהט דאך ניט קיין עבירות בדארף ער אויך ניט טוען:

דער מדרש זאגט איבער דעם שטייט אדם כי יקריב אונ עס שטייט ניט איש. דאס וויזט מה אדם לא הקריב מן הגזל ומן החמס שהיי הכל ברשותו כן אתם לא תקריבו מן הגזל. אזוי ווי אדם הראשון ווען ער האט מקריב גיוועהן אקרבן איז דאס גיוועהן זיין אייגינם ניט פון גזל ווארום עס איז דאך אלץ גיוועהן זיינם. אזוי זאלט איהר אויך ניט מקריב זיין אקרבן פון גזל. פרעגט דער ס׳ כתב סופר אקשיי אויף דעם מדרש. בדארף מען דאס ארויס לערנין פון אדם הראשון. די תורה פארזאגט דאך לא תגזול אז מען טאר ניט גזלנין. אונ מען זאל נישט זאגין אז פון וועגין מקריב זיין מעג מען גזלנין איז שוין דאס אויך גידרונגען פון ווארט מכם דדרשנת דיא גמרא עס זאל זיין פון אייך ניט פון גזל. נאר דער פשט אין מדרש איז אזוי. ווארום די קשיי איז פאר וואס זאל עס דער מענטש מעגין מקריב זיין אבהמה פאר אקרבן. זיא איז דאך אויך אלעבעדיגע באשעפעניש וויא דער מענטש. אונ אז ער איז איהר מקריב נמצא איז ער דאך אגזלן ער גזלת פון איהר דאס לעבין. נאר דער תירוץ איז. גאט האט בשאפין פיר מינים אויף די וועלט. וואס יעדער מין איז נידעריגער פון דעם אנדערען. אונ דער נידעריגער מין איז אשפייזונג צום העכירען מין. דער ערשטער מין הייסט דומם. ניט קיין רוהעדיגער למשל דיא ערד. העכיר פון דומם. דער אנדערער מין הייסט צומח וואס עס שפראצט עס וואקסט. אונ זיין וואקסונג איז פון די ערד ער נעמט פון איהר כחות צום וואקסין. העכיר פון צומח. דער דריטער מין. איז חי דיא לעבידיגע ברואים אלע בהמות חיות ועופות. אונ זייער שפייזונג איז פון צומח. וויא עסין די וואקסונג. העכיר פון חי. דער פערטיר מין איז מדבר דאס איז דער מענטש וואס ער האט אין זיך דעם כח פון רעדין ער איז העכיר פון אלע ברואים. אונ זיין שפייזונג איז פון זיי. אונ יעדער נידעריגער מין ווען ער ווערט אופגיגעסין פון דעם העכירען מין ווערט ער דערהעכערט צו די מעלה פון דעם העכירען מין. נמצא איז נאך צו דיא בהמה אטובה ווען דער מענטש שעכט איהר פיר זיך צום עסין אדער מקריב צו זיין אויף דעם מזבח. נאר ספרים שרייבין ווען ווערט דער נידעריגער מין גיהעכירט צו אהעכירע מעלה דורך דעם עסין פון דעם מענטש. נאר ווען ער עסט מיט דיא כוונה צו האבין כח גאט צו דינען. תורה צו לערנין. מצות צו טוען. אבער ווען ער עסט נאר פון וועגין זיין תאוה צו דער פילען. איז ער דאך גלייך וויא די בהמה נמצא איז ער איהר ניט מעלה צו אהעכירע מדרגה. נמצא גזלת ער איהר לעבין פון איהר. אונ דעסטגלייכין ווען דער מענטש זינדיגט אנטקעגין גאט איז ער דאך אויך גלייך וויא דיא בהמה. אונ ער איז נאך פיל מאהל ערגער פון איהר. ווארום זי קען איהר האר אונ האט פאר איהם מורא. אונ דער מענטש ניט. נמצא ווען ער איז איהר מקריב גזלת ער איהר. נאר ווען דער מענטש טוהט אבער תשובה ווען ער איז מקריב אקרבן. אונ האט חרטה מיט זיין גאנץ הארץ אויף די עבירה וואס ער האט גטוען אונ ער איז מקבל אויף זיך אויף ווייטער זאל ער שוין מער ניט זינדיגען. איז ער מיט דיא כוונה מעלה דיא בהמה צו אהעכירע מדרגה. אונ ווען חלילה דער מענטש טוהט ניט קיין תשובה נאר ווייל דער דין איז ער זאל מקריב זיין אקרבן איז ער מקריב. הייסט דאס

ער

עֶר גַזְלְת דָאס לֶעבְּן פוּן דִי בְּהֵמָה. דָאס אִיז דִי כַּוָנָה פוּן מִדְרָשׁ. אָדָם כִּי יַקְרִיב. אִיז דָאךְ דִי קַשְׁיָ׳ פַאר וָואס שְׁטֵייט נִיט אִישׁ כִּי יַקְרִיב. נָאר מה אדם הראשון לא הקריב מן הגזל אַזוֹי וִוי אָדָם הָרִאשׁוֹן וֶוען עֶר הָאט מַקְרִיב גִיוֶוען אַקָרְבָּן אִיז דָאס נִיט גִיוֶוען מִיט גְזֵילָה כְּלוֹמַר עֶר זָאל גַזְלֶנֶען דָאס לֶעבְּן פוּן דִי בְּהֵמָה שהי׳ הכל ברשותו וָוארוּם דָאס וָואס עֶר הָאט מַקְרִיב גִיוֶוען אִיז גִיוֶוען פוּן זַיין אֵיינְגֶעם וִוילֶן. נִיט מֶען הָאט אִים צוּ דֶעם מְחַיֵיב גִיוֶוען. וָוארוּם עֶר הָאט נָאךְ מַקְרִיב גִיוֶוען אֵיידֶער עֶר הָאט גִיגֶעסְן פוּן עץ הדעת הָאט עֶר דָאךְ גֶעווִים גְטוּעְן מִיט דִי אֶמֶתֶע כַּוָונָה פוּן הַקְרָבַת הַקָרְבָּן. אף אתם לא תקריבו מן הגזל אַזוֹי זָאלְט אִיר אוֹיךְ נִיט מַקְרִיב זַיין אַייעֶר קָרְבָּן מִיט גְזֵילָה כְּלוֹמַר אָן תְּשׁוּבָה וָואס דָאס וֶועט הֵייסְן אִיר גַזְלְת דָאס לֶעבְּן פוּן דִיא בְּהֵמָה. נָאר אִיר זָאלְט פְרִיעֶר תְּשׁוּבָה טוּעְן וֶועט אִיהְר דִיא בְּהֵמָה דוּרְךְ דִיא הַקְרָבָה מַעֲלָה זַיין אִין אַהֶעכִירֶע מַדְרֵגָה. אוּנ דֶעסְט גְלַייכִין הַיינְט אַז דֶער בֵּית הַמִקְדָשׁ אִיז חָרוּב זָאגְן סְפָרִים אַז דָאס וָואס מֶען עֶסְט דָאס פְלֵייש פוּן דִי בְּהֵמָה מִיט אַכַּוָונָה צוּ הָאבִּין כֹּחַ צוּ עֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא אִיז דָאס גְלַייךְ וִויא עֶר וָואלְט מַקְרִיב גִיוֶוען אַקָרְבָּן :

אוּנ נָאךְ אַכַּוָונָה קֶען מֶען זָאגְן אִין דֶעם מִדְרָשׁ. דִיא גְמָרָא (ברכות) זָאגְט (כל הנהנה בלא ברכה) דֶער מֶענְטְשׁ וָואס נֶעמְט עֶפִּיס עֶסְן אָדֶער טְרִינְקֶען אוּנ מַאכְט נִיט פְרִיעֶר אַבְּרָכָה (כאילו גוזל להקב״ה) אִיז גְלַייךְ וִויא עֶר וָואלְט דֶעם השי״ת גִיגַזְלְת. וָוארוּם וֶוען אֵיינֶער נֶעמְט פוּן דֶעם אַנְדֶערְן אַגִישַׁאנְק וֶועט עֶר אִים גֶעווִים פִיל דַאנְקֶען פִיר דִיא מַתָּנָה וָואס עֶר שֵׁיינְקְט אִים. אוּנ וֶוען דֶער אַרְבֵּייטֶער נֶעמְט זַיין לוֹין פוּן זַיין בַּעַל הַבַּיִת דַארְף עֶר אִים נִיט פִיר דֶעם דַאנְקֶען. וָוארוּם דָאס קוּמְט דָאךְ אִים פִיר זַיין אַרְבֵּייט. הַיינְט וֶוען מֶען זֶעהְט אַז אַמֶענְטְשׁ נֶעמְט פוּן דֶעם אַנְדֶערְן עֶפִּיס. אוּנ עֶר דַאנְקְט אִים נִיט. פַארְשְׁטֵייט מֶען אַז דָאס קוּמְט אִים צוּ נֶעמִין בַּיי אִים. אוּנ וֶוען עֶר דַאנְקְט אִים יוֹא. אִיז דָאס אַסִימָן אַז דָאס קוּמְט אִים נִיט פוּן אִים. נָאר דֶער אַנְדֶערֶער אִיז אַגוּטֶער מֶענְטְשׁ אוּנ שֵׁיינְקְט עֶס אִים. אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ דַאנְקְט נִיט אוּנ לוֹיבְּט נִיט גָאט אוֹיף דֶעם עֶסְן אוּנ אוֹיף דֶעם טְרִינְקֶען וָואס גָאט גִיבְּט אִים. מוּז דָאךְ זַיין אַז דֶער מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אַיין אַז דָאס עֶסְן אוּנ טְרִינְקֶען הָאט עֶר אַלֵיין פַארְדִינְט מִיט זַיין אַרְבֵּייט נִיט גָאט גִיבְּט דָאס אִים. נִמְצָא גַזְלְת עֶר פוּן גָאט אַוֶועק דֶעם כֹּחַ פוּן דֶעם גֶעבִּין. עֶר זָאגְט אַז גָאט הָאט דָאס אִים נִיט גִיגֶעבִּין. אוּנ אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז מַקְרִיב צוּ גָאט אַקָרְבָּן דַארְף עֶר וִויסֶען אַז דֶער קָרְבָּן אִיז נִיט זַיין אֵייגִינְס נָאר דָאס אִיז גָאטְס. גָאט הָאט דָאס אִים גִיגֶעבִּין אוּנ עֶר אִיז דָאס מַקְרִיב אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (דה״א כ״ט י״ד) (כי ממך הכל ומידך נתנו לך) פוּן דִיר גָאט נֶעמִין מִיר אַלְץ. אוּנ פוּן דֶעם גִיבִּין מִיר דִיר אַקָרְבָּן. וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ בַּקְלֶערְט דָאס מִיט זַיין שֵׂכֶל וֶוערְט זַיין קָרְבָּן אָנְגֶענוּמֶען. נָאר דֶער מֶענְטְשׁ ווַייל עֶר אַרְבֵּייט אוּנ עֶר קוֹיפְט מֵיינְט עֶר אַז דָאס אִיז זַיין אֵייגִינְס אוּנ עֶר שֵׁיינְקְט דָאס אַמַתָּנָה צוּ גָאט. מִיט אַזֶעלְכֶע כַּוָונָה וֶוערְט דֶער קָרְבָּן נִיט אָנְגֶענוּמֶען צוּ גָאט. דָאס זָאגְט דֶער מִדְרָשׁ (מה אדם לא הקריב מן הגזל) אַזוֹי וִוי אָדָם הָרִאשׁוֹן הָאט גִיהַאט אַלֶע זַאכִין גְרֵייט וָואס גָאט הָאט זֵיי פוּן זַיינֶעט וֶועגִין בַּשַׁאפִין. אוּנ וֶוען עֶר הָאט פוּן זֵיי מַקְרִיב גִיוֶועז אַקָרְבָּן הָאט עֶר גֶעווִים מַקְרִיב גִיוֶוען מִיט דִיא כַּוָונָה אַז דָאס אִיז נִיט זַיין אֵייגִינְס. וָוארוּם עֶר הָאט דָאךְ גָאר נִיט גִיאַרְבֵּייט. נָאר גָאט הָאט דָאס אִים גִיגֶעבִּין הָאט עֶר דָאךְ נִיט גִיגַזְלְט דֶעם כֹּחַ פוּן גָאט. אַזוֹי אִיהְר מֶענְטְשִׁין אוֹיךְ וֶוען אִיהְר וֶועט מַקְרִיב זַיין אַקָרְבָּן זָאלְט אִיהְר בְּרֶעכִינֶען אַז דֶער קָרְבָּן אִיז פוּן גָאט. עֶר הָאט דָאס פְרִיעֶר דִיר גִיגֶעבִּין

און דוא גיבסט אים צוריק. און אזוי אויך ווען דער מענטש געמט צו זיך איין אורח און גיבט אים צו עסין. אדער ווען דער מענטש גיבט צדקה בדארף ער פריער ברענגען אז דאס עסין. און די געלד. גיבט ער ניט זיין אייגינס. נאר גאט האט דאס אים גיגעבין דאס ער זאל דאס געבין צדקה. און פיר דיא שליחות וואס ער ווערט אשליח צו געבין צום ארימאן דיא צדקה וועט אים גאט נאך געבין פיל שכר: נאך זאגט דער מדרש. איבער דעם שטייט אדם. און ניט איש. צו ווייזין (מה אדם שחטא והקריב קרבן אף אתם כן) אזוי ווי אדם הראשון ווען ער האט געזינדיגט האט ער מקריב גיוועז אקרבן אזוי איהר אויך ווען איהר וועט זינדיגן זאלט איהר מקריב זיין אקרבן. דארף מען פארשטיין וואס דארף מען דאס גלייכין צו אדם הראשון. נאר די כוונה איז אזוי. ווארום דער מענטש קען זאגין ווען בדארף ער ברענגין אקרבן אויף די עבירה וואס ער האט גיטוהן. נאר ווען ער האט די עבירה פון זיין אייגינעם רצון גטוהן קיינער האט איהם ניט צו דעם אנגירעדט. אבער ווען מען האט איהם צו די עבירה אנגירעדט זאל ער ענטפערין. יענער איז שולדיג וואס האט מיר אנגירעדט. אבער ניט איך. זאגט דער מדרש. איבער דעם שטייט (אדם כי יקריב) צו ווייזין אזוי ווי אדם הראשון איז דאך זיין זינד גיוועז וואס ער איז גיווארין איבער גירעדט פון זיין ווייב חוה און האט גיגעסין פון עץ הדעת. פון דעסט וועגין האט ער מקריב גיוועז אקרבן. אזוי ווען איהר וועט זינדיגען. ווען אויך מען האט אייך צו דעם אנגירעדט זאלט איהר ניט האבין קיין תירוץ נאר איר זאלט מקריב זיין אקרבן און טוהן תשובה און האבין חרטה וועט גאט מוחל זיין: (ג) (אם עלה קרבנו) ווען זיין קרבן איז איין עולה (מן הבקר) פון רונדער (זכר תמים יקריבנו) זאל דער קרבן זיין אזכר און גאנץ אן אפעהלער. און ווייטער שטייט (פרשה ד' פסוק כ"ז כ"ח) (ואם נפש אחת תחטא בשגגה וגו') ווען אמענטש וועט זינדיגען אונגערין (או הודע וגו') און ווען ער וועט דאקאנען דאס ער האט גזינדיגט (והביא קרבנו שעירת עזים תמימה נקבה וגו') זאל ער ברענגין אציגעלע אנקבה גאנץ אן אפעהלער פאר אקרבן חטאת. איז אעולה נאר פון אזכר. און אחטאת נאר פון אנקבה. נאך אחילוק איז. אעולה ווערט אין גאנצין פארברענט אויף דעם מזבח. און פון אחטאת איז מען מער ניט מקריב נאר דאס חלב און מען גיסט דאס בלוט. דארף מען פארשטיין פאר וואס דאס איז אזוי. זאגט דער ס' עיר גבורים אזוי. דיא גמרא זאגט אז אעולה איז מכפר אויף די שלעכטע מחשבה וואס עס גייט ארויף אויף דעם מענטש אין זיינע געדאנקען אריין צו טוהן איין עבירה. ווען אויך ער טוהט ניט דער נאך די עבירה. אבער זיין מחשבה איז דאך גיוועז צו טוהן בדארף ער ברענגען אעולה עס זאל אויף אים מכפר זיין אויף די שלעכטע מחשבה. און דאס איז דער טייטש פון דעם ווארט עולה עס גייט אויף. כלומר עס פארנעמט זיין מחשבה פון וועגין די עבירה. און אויך זאגט די גמרא הרהורי עבירה קשים מן העבירה דאס וואס דער מענטש לאזט זיינע גדאנקען טראכטין פון וועגין צו טוהן איין עבירה איז דאס נאך פיל ערגער וויא ער וואלט שוין גטוהן. ווארום דער שכל וואס פון אים קומט דיא מחשבה איז דאך ארוחניות אהייליגע זאך פון הימעל. און דער גוף איז דאך אגשמיות פון די ערד. און דאס איז ידוע אז יעדער מענטש ווען ער ערפילט שוין זיין תאוה און טוהט שוין אפ דיא עבירה האט ער געווים חרטה אויף דעם. נמצא איז שוין דאמאלס זיין מחשבה ניט אריין גטוהן אין דעם שלעכטן גידאנק. אדרבה זיין מחשבה איז נאר פארנומען מיט פיל חרטה אויף דעם וואס ער האט געזינדיגט. מיר

רעדין נִיט פון דיא נארישע פּיסטע מענטשין וואס האבין נאך די עבירה אויך ניט קיין חרטה. וועלכע מענטשין האבן קיין מאהל ניט קיין תקנה. מיר רעדין פון רוב מענטשין. נמצא ווען דער מענטש האט שוין אפּגטוען די עבירה איז נאר דא אויף זיין גוף אחטא וואס ער האט גטוען די עבירה. און דער גוף איז דאך נאר אחומר אגשמיי פון ערד איז זיין חטא ניט אזוי גרויס. אבער ווען דער מענטש טוהט נאך ניט די עבירה נאר ער גייט ארום און קלערט מיט זיין גדאנק וועגין די עבירה צו טוען. און זיין גידאנק איז דאך ארוחני פון הימעל אהייליגע זאך. און ווען דער מענטש פאראומרייניגט איהר איז דאך זיין חטא וועהר גרויס. נאר דיא קשיי איז אבער פון וואנעט קומט דאס נאר אז דיא מחשבה פון מענטש זאל גאר אנהויבין צו טראכטין וועגין איין עבירה. נאר ביים מענטש איז דא אנפש הבהמיי כלומר אזעלכע גידאנקען וואס קומט פון גוף וואס ער איז אחומר אגשמי. ציען זיי נאר נאך תאוות הגשמיות. און אויך איז דא אנפש השכלי. וואס דאס קומט פון די נשמה פון שכל האמת וואס ער ציעט נאר צו רוחניות. און ווען עס קומט צום מענטש די שלעכטע מחשבה פון נפש הבהמיי דארף ער מיט זיין נפש השכליי שטארקין זיך אויף די שלעכטע מחשבה דאס זיא זאל בטל ווערין. און ווען ער שטארקט זיך ניט מיט זיין נפש השכליי אויף דעם נפש הבהמיי חלילה. און ער ציעט נאך דעם נפש השכליי נאך דעם נפש הבהמיי. דאס איז אים גורם אז ער זאל טוהן די עבירה. און דאס איז ידוע אז אזכר האט מער כח אין זיך ווי אנקבה. און ווען דער מענטש שטארקט זיך איבער די שלעכטע מחשבה פון נפש הבהמיי און טוהט ניט די עבירה ווערט ער גערופין זכר. און ווען חלילה ער לאזט איבער זיך שטארקין די שלעכטע מחשבה פון נפש הבהמיי ווערט ער גירופען נקבה. איבער דעם ווען ער ברענגט אקרבן עולה וואס זיא קומט מכפר צו זיין אויף זיין חטא פון די שלעכטע מחשבה. און ווייל ער האט זיך גישטארקט און האט דיא עבירה ניט גטוען. בדארף ער צו ברענגין אזכר אויף אקרבן. צו ווייזין דאס ער האט אין זיך אשטארקין כח צו מתגבר זיין אויף די שלעכטע מחשבה. נאר ווייל ער האט דאך אבער פריער געזינדיגט מיט דעם וואס ער האט פאראומרייניגט דיא הייליגע מחשבה. און דאס איז דאך וועהר אגרויסע עבירה בדארף עס ווערין אין גאנצין פאר ברענט. און ווען ער האט חלילה זיך ניט גישטארקט איבער דיא שלעכטע מחשבה ווערט ער גרופן אנקבה. און ווען ער ברענגט אקרבן חטאת בדארף דאס זיין אנקבה. און ווייל דאס טועכץ פון די עבירה קומט פון די תאוה וואס דאס קומט פון דעם וואס דער מענטש איז פון פעטס און פון בלוט. און ווייל ער האט חרטה אויף זיין עבירה איז דאך די עבירה קלענער ווי מיר האבין שוין פריער געשריבען. איבער דעם בדארף מען מער ניט צו פארברענען פון דעם קרבן חטאת נאר דאס חלב און פאר גיסען דאס בלוט: (אל פתח אהל מועד יקריב אתו). צום טיר פון אהל מועד זאל ער דעם קרבן גנעהנען לרצונו צו זיין ווילן (לפני ה׳) פאר גאט. איז קשה וואס דארף שטיין די ווערטער לפני ה׳. נאר רשיי שרייבט פון ספרא אזוי. יקריב אתו מלמד שכופין אותו בעל כרחו עד שיאמר רוצה אני. מען איז מכריח דעם מענטש אז ער זאל ברענגין דעם קרבן. און ווען ער וויל ניט צום ערשטין מאהל איז מען אים נאך אמאהל מכריח ביז ער וויל שוין ברענגין דעם קרבן. איז דאך ניט צו פארשטיין וויא אזוי קען דאס זיין מרוצה פאר גאט. אז דאס קומט נאר דורך דעם וואס בית דין האט אים מכריח גיוועז. נאר דער תירוץ איז אזוי. ווארום יעדער יוד איז געווים זיין

הארץ צו געבינדען צו גאט. וויל ער געוויס באלד מקריב זיין נאר דער יצר הרע רעד אים אפ. אונ ווען בית דין איז אים מכריח עטליכע מאל. הערט ער שוין ניט צום יצר הרע. נאר עס דערוועקט זיך זיין איינגער ווילן אונ ברענגט דעם קרבן. נמצא איז שוין דער קרבן אגוטער קרבן. נאר די מענטשין וואס זיי זעהן אז מען בדארף דעם מענטש מכריח זיין צו דעם קענין זיי טראכטן אז זיין קרבן ווערט ניט מרוצה וויל עס קומט ניט פון זיין גוטען ווילען. אבער גאט ברוך הוא ער ווייסט דאך דעם מענטשינס מחשבה אז זיא איז בעצם יוא גוט ווערט טאקע דער קרבן בווילינט. דאס פירט אויס דער פסוק (לרצונו לפני ה׳) פאר גאט הייסט דאס מיט זיין ווילן. גאט ווייסט דעם אמת אז זיין געדאנק איז צו איהם מיט דעם גאנצין הארץ: (ו) (והפשיט את העלה) ע״פ רמז איז דער טייטש אזוי. ווען דער מענטש וויל פון זיך אפציען דעם שלעכטין גדאנק וואס עס גייט אויף אים אויף דורך דעם יצר הרע. (ונתח אתה לנתחיו) זאל דער מענטש צו שניידין דעם גידאנק צו איהרע שטיקער כלומר ער זאל זיך נוט מיט זיין שכל ברעבינגען וואס וועט שוין זיין ווען ער וועט שוין אויספירען דעם שלעכטין געדאנק אונ וועט שוין טוען דיא עבירה. דיא הנאה פון דיא עבירה איז דאך ניט קיין אייביגע זאך. עס איז דאך נאר אויף די עטליכע מינוט וואס ער טוהט זיא. אבער אנטקעגין דעם וועט ער דאך האבין היזק ער וועט נענש ווערין בעולם הבא. ער וועט דארט ווערין פארשעמט קוקענדיג וויא די צדיקים האבין הנאה פון זיו השכינה וואס דאס איז אאייביגע זאך. אונ ער נישט. אונ אויך וועט ער דאך בדארפין אפגעבין דין וחשבון אויף די שלעכטע מחשבה ווען אפילו ער וועט ניט טוען די עבירה. אזוי ווי מיר האבין פריער געשריבען. ווען דער מענטש וועט זיך דאס גוט בקלערין מיט זיין שכל וועט שוין די שלעכטע מחשבה פון אים ממילא אוועק גיין: (ז) (ונתנו בני אהרן הכהן אש על המזבח) דיא קינדער פון אהרן הכהן זאלין געבין פייער אויף דעם מזבח. דער ס׳ עיר גבורים טייטשט אזוי דעם פסוק עפ״י רמז. דיא גמרא זאגט כל המלמד בן חבירו תורה כאילו ילדו. דער תלמיד חכם וואס ער לערנט מיט זיין חברס קינד תורה איז עס גלייך ווי ער אליין האט אים גבארין. עס איז גלייך ווי דאס איז זיין קינד. איז דיא כוונה אין פסוק אזוי (ונתנו בני אהרן הכהן) ווען דיא תלמידים פון תלמיד חכם וואס זיי ווערין גערופין זיינע קינדער וועלין געבין (אש) פייער דאס מיינט מען די תורה וואס זיי לערנין. (על המזבח) איז דאס גלייך ווי עס וואלט גיוועז דער מזבח אונ זיי וואלטין אויף אים מקריב גיוועז קרבנות. אזוי ווי דיא גמרא זאגט (כל העוסק בתורה כאילו הקריב כל הקרבנות). דער וואס לערינט אין די תורה די דינים פון קרבנות איז דאס גלייך ווי ער וואלט מקריב גיוועז אלע קרבנות. (וערכו עצים על האש. די תורה ווערט גירופען עץ. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (משלי ג׳ י״ח) (עץ חיים היא למחזיקים בה ותומכיה מאושר). טייטש די גמרא דעם פסוק אזוי. די תורה איז אלעבעדיגער בוים צו די מענטשין וואס זענין מחזיק די לומדי תורה. מיט דעם וואס זיי גיבין געלד אויף די ישיבות. אונ גיבין עסין דיא תלמידים פון די ישיבה. דאס מיינט דא דער פסוק (וערכו) די תלמידים וועלין אנגרייטין (עצים) לעבעדיגע בוימער צו די מענטשין וואס זענין מחזיק די ישיבה. (על האש) דורך זייער תורה וואס זיי לערנין: (ח) (וערכו בני אהרן הכהנים) די תלמידים וועלין אנגרייטין (את הנתחים) די אלע שטיקער כלומר אלערלייא מענטשין. (את הראש) דעם קאפ כלומר דיא חשובע מענטשין. (ואת הפדר) אין דאס פעטס כלומר די פראסטע מענטשין. ווער

דיא תלמידים זיי אנגרייטין. (על העצים) לעבין די בוימער פון די תורה. (אשר על
האש) וואס די בוימער קומט דורך דיא תורה וואס זיי לערנין (אשר על המזבח) אונ
דאס וואס דיא מענטשין צאלין אויף דיא ישיבה איז דאס גלייך ווי זיי וואלטין מקריב
גיוועין קרבנות: (ט) וקרבו וגו' דאס זאגט דער פסוק צום תלמיד חכם וואס ער לערינט
מיט דיא תלמידים. ער זאל זעהן (וקרבו) זיינע אונווייניגסטע אברים (וכרעיו) אונ זיינע
אויסווייניגסטע אברים (ורחץ במים) צו וואשין דורך דיא תורה וואס ער לערנט וואס
זיא ווערט גערופין מים. אזוי וויא אן וואסער קען מען נים לעבין אזוי אן תורה קען
מען אויך נים לעבין. זאל זיך דער תלמיד חכם מיט איהר וואשין. כלומר ער זאל זיך
אפציען פון תאוות. פון מותרות. פון גאוה. פון שנאה. דאמאלס (והקטיר הכהן את
הכל המזבחה) וועט דער תלמיד חכם מקטיר זיין אלץ אויף דעם מזבח של מעלה.
(עלה אשה ריח ניחוח לה'). דיא זכותים פון דעם כלל ישראל וואס זענין מחזיק דיא
לומדי תורה וועט דער תלמיד חכם מעלה זיין צו גאט צו אריח ניחוח. גאט וועט פון
זייא האבין פיל פערגעניגען. אונ דאס זעלבע מיינט דער פסוק צו יעדער מענטש.
(וקרבו) זיינע אונווייניגסטע אברים (וכרעיו) אונ זיינע אויסווייניגסטע אברים (ורחץ) זאל
ער וואשין (במים) מיט וואסער. ער זאל לערנין תורה וועט ער וויסען וועלכעס מען
בדארף יוא צו טוען אונ וועלכעס נים: (יד) (ואם מן העוף וגו') דער אור פני משה
טייטשט דעם פסוק ע"פ רמז אזוי. די גמרא (ברכות ) זאגט אז די תורה ווערט גירופין
עוף. ווייל עוף איז דער טייטשט פליען. אונ ווען דער מענטש מאכט אוועק פליען
זיינע בליקין פון די תורה פליעט דיא תורה פון איהם אוועק. איז דיא כוונה פון פסוק
אזוי. (ואם מן העוף עלה קרבנו לה') ווען דער מענטש וויל אז זיין תורה וואס ער
לערינט זאל זיין אקרבן עולה צו גאט עס זאל ווערין ביי גאט אנגענומען מיט פול
פארגעניגען. (והקריב מן התרים או מן בני היונה את קרבנו) זאל ער מקריב זיין דעם
קרבן פון טויבין. זאגט דיא גמרא. פאר וואס האט גאט ברוך הוא אויסגעקליבען פון
אלע עופות נאר די טויבין אויף קרבנות. פאר וואס נים אנדערע. נאר ווייל די טויבין
איז זייער נאטור ווען אויך מען יאגט זיי מען וויל זיי טוען שלעכטס. מען וויל זייא
חאפין. קוקין זיי אויף דעם גאר נים. זיי האבין גאר נים אויף די נאכיעגערס קיין
פארדראס. נאר זיי לויפין אוועק אן שום פארדראס. ווייל זיי האלטין זיך זייער נידעריג
איז ביי זיי נישטא קיין פארדראסונג. דאס זאגט דער פסוק. דער מענטש זאל אויך זעהן
זיך מקרב זיין צו עבודת הבורא מיט דעם זעלבינען נאטור ווי די טויבין. ער זאל זיין
אגרויסער עניו אונ אסבלן. ער זאל זיין פון די נרדפים וואס ווערין נאכגעיאגט פון
אנדערע. אונ זאל נים זיין פון דיא רודפים וואס זיי יאגן נאך אנדערע. מען דארף נים
דעם אנדערין נוטר שנאה זיין ווען אויך ער האט דיר אמאהל געוואלט טוען שלעכטס.
אונ אויך זאל דער מענטש אנטלויפין פון דעם יצר הרע. אונ ווען ער איז זוכה ניצול
צו ווערין פון דעם יצר הרע זאל ער זיך מיט דעם אויך נים האלטין גרויס:
(טו) (והקריבו הכהן אל המזבח) ווען דער מענטש וועט זיך אזוי פירען וועט ער זוכה
זיין דאס דער מלאך מיכאל וואס דער זוהר זאגט אז ער איז הכהן ער איז מקריב דיא
תפלות פון די יודין אויף דעם מזבח של מעלה פאר גאט. וועט דער מלאך זיין תורה
מקריב זיין אויף דעם מזבח של מעלה פאר גאט. זאגט ווייטער דער פסוק. ווען וועט
דאס זיין. (ומלק את ראשו) ווען דער מלאך המות וועט פון איהם אפקוועטשין זיין
קאפ. אזוי ווי די גמרא זאגט אז דער מלאך המות האט געזאגט ווען עס וואלט מיר

ניט האבן די שאנד פון דיא מענטשן. וואלט איך זיי דעם האלדז איבער געשניטען ווען איך קום זיי טייטן. אונ ווייל ער וויל ניט אז די מענטשן זאלן ווערן צו שאנד שנייט ער ניט איבער דאס לייב פון האלדז. אבער הינטען פון דעם האלדז שנייט ער אפ דעם קאפ. דאמאלס (והקטיר המזבחה) וועט דער מלאך מקטיר זיין זיינע מעשים טובים אויף דעם מזבח של מעלה. אונ אויך זאל דער מענטש וויסען אז (ונמצה דמו) זיין בלוט וואס עס איז פון איהם פארגאסין געווארין. ווען ער האט געלעבט. דורך שלעכטע מענטשן וואס האבין איהם מצער געוועזן וועט דאס ניט פארגעסין ווערין נאר עס וועט זיין (על קיר המזבח) אויף דיא וואנד פון מזבח של מעלה. אונ דער מענטש זאל ניט זאגין עס איז ניט מעגליך צו קומען צו אזוי אמדרגה. זאגט דער פסוק: (טז) (והסיר את מראתו בנצתה) ער זאל אפטוען זיין אומריינקייט מיט זיינע פעדערין. איז די כוונה ער זאל ניט עסין קיין איבריגס. אזוי ווי די פעדערין איז דאס איבריגעס פון די הויט מיט פלייש. אזוי די מותרות וואס דער מענטש עסט אונ טרינקט. אונ אויך אנדערע איבריגע זאכין וואס ער בדארף עס ניט צו עבודת הבורא. ווערט עס גירופען פעדערין. זאל דער מענטש פון זיך אפטוען די מותרות אונ אבשיידן זיך פון תאוות. אונ איך זאג דיר ניט. דאס דוא זאלסט גאר ניט עסין. נאר (והשליך אתה אצל המזבח קדמה) ער זאל דאס עסין אריין ווארפען אין בויך אריין פון וועגין ער זאל האבין כח צו לערנין די תורה אונ צו טוען מצות ומעשים טובים וואס דאס וועט אנקומען אויף דעם מזבח של מעלה. ניט צו עסין גלאט פון תאוה וועגין אזוי וויא אבהמה. אונ דער מענטש קאן זיך זעהר גרינג צו דעם איינגעוויינען. ווען ער וועט זיך ברעכינען (אל מקום הדשן) אז דאס עסין גייט אריין אין אזוי איין ארט וואס עס ווערט פון דעם מוסט. וואס קומט איהם ארויס פון דעם פיל עסין עס וועט זיין מעהר מוסט. אבער ווען ער עסט נאר פון וועגין צו האבין כח צו ארבייטען אין די תורה אונ צו טוען מצות ומעשים טובים וועט ער שוין ניט גלוסטען צו מותרות ער וועט נאר עסין ווי פיל ער דארף האבין צום לעבין. אונ ספרים שרייבין ווען דער מענטש עסט מיט אזוי אכוונה איז דאס עסין גליך וויא ער איז מקריב קרבנות. ווארום אין יעדער זאך איז דא גופניות פראקטיקייט. אונ רוחניות איידעלקייט. דאס איז געטליכקייט. אונ אזוי ווי אקרבן ווערט דער גוף פון דיא בהמה פארברענט אונ דאס רוחניות פון איהר גייט ארויף אין די הויך אין הימעל אריין. אזוי אויך דער מאכל וואס דער מענטש עסט. ווען ער עסט עס מיט די הייליגע כוונה וואס פריער שטייט איז די גופניות פון מאכל ווערט באהעפט אין דעם מענטשינס גוף. אונ דאס רוחניות פון דעם מאכל ווערט באהעפט צום רוחניות פון דעם מענטש. אונ דער רוח פון מענטש דאס איז זיין הייליגער גידאנק. דיא הייליגע כוונה זיינע. גייט ארויף אין הימעל. גייט מיט דיא רוחניות פון דעם מאכל אויך. נמצא איז ער מקריב דאס מאכל פאר גאט אזוי וויא אקרבן: (יז) (ושסע) דער מענטש וואס פירט זיך ווי פריער שטייט וועט ער צו שפאלטין (אתו) איהם דעם יצר הרע. ער וועט אויף דעם מענטש קיין כח אונ קיין שליטה האבין איהם אנצורעדין צו טוען שלעכטס. מיט וואס וועט ער דעם יצר הרע צו שפאלטין (בכנפיו) מיט זיינע פליגעל. מיט די תורה ומצות ומעשים טובים. נאר פון דעסט וועגין זאגט דער פסוק (לא יבדיל) זאל ער ניט דעם יצר הרע פון זיך אין גאנצין אפשיידין. נאר ער זאל איהם בנוצען צום עסין אונ צום טרינקען פון וועגין צו האבין כח. דאמאלס (והקטיר אתו הכהן המזבחה) דער מלאך מיכאל וואס דער

זוהר

זוהר זאגט אויף איהם אז ער איז אכהן גדול. וועט ער מקריב זיין דעם מענטשין און
זיין צייט ווען ער וועט דארפין שטארבען. צום מזבח של מעלה (על העצים) דורך דיא
האלץ דאס מיינט מען דיא תורה און מצות וואס אנדערע מענטשין לערנין און טוען
און ער גיט זיי געלד אויף פרנסה (אשר על האש) און דורך די תורה וואס ער לערינט
אליין (עלה הוא אשה ריח ניחח לה׳) גייט ער אויף צו אנחת רוח פאר גאט:

ב (א) ונפש וגו׳ עפ״י רמז איז דער טייטש אזוי. ווען דער מענטש וועט טוען תשובה
מיט זיין גאנצין הארץ און וועט אויף זיך מקבל זיין דעם עול פון יראת
שמים. און וועט אויך צו קומען צו די מעלה ער וועט האבין אהבת השם אז עס זאל
ביי אים רעכט זיין זיך מוסר נפש זיין פון גאטס וועגין. איז דיא תשובה גלייך ווי ער
וואלט מקריב זיין אקרבן. דאס מיינט דער פסוק (ונפש כי תקריב) אז דוא מענטש
וועסט מקריב זיין דיין נפש כלומר דוא וועסט איהם מקרב זיין צו גאט ברוך הוא וועט
דאס זיין (קרבן מנחה לה׳) ביי גאט חשוב ווי אקרבן מנחה (סלת יהיה קרבנו) זיין קרבן
זאל זיין פיינמעהל. אזוי ווי מעהל זיפט מען עס דורך אזופ און דאס אונריינע פאלט
אראפ און דאס ריינע בלייבט. אזוי זאל ער אויך דיא שלעכטע מעשים פון זיך אראפ
ווארפין און האלטין נאר דיא גוטע. (ויצק עלי׳ שמן) און זאל אויף איהר גיסען בוימאייל
דאס מיינט מען ער זאל לערנין תורה לשמה (ונתן עליה לבנה) און זאל אויף איהר
געבין ווייערוך ער זאל טוען מצות און מעשים טובים: (יא) (כל המנחה אשר תקריבו
לה׳) עפ״י רמז זאגט דער אור פני משה איז אזוי דער טייטש. די תורה וואס איהר
לערינט און די מצות וואס איהר טוהט (לא תעשה חמץ) זאל ניט ווערין געטוען זויער
כלומר מיט אשלעכטע כוונה פון גאוה וועגין אדער פון כבוד וועגין. (כי כל שאר)
ווארום יעדער זויערקייט כלומר יעדער שלעכטע כוונה (וכל דבש) און יעדערס האניג
כלומר דאס וואס פאר מענטשין וועסטו עס מאכין זעהר זיס ווי האניג. פאר מענטשין
פיצט די זיך אוים פאר אפרומען מענטש אבער דאס הארץ ביי דיר איז זעהר שלעכט.
(לא תקטירו ממנו אשה לה׳) זאלט איהר זעלבעס ניט מקריב זיין פאר גאט. דיין
תורה און דיינע מצות וועט ניט ווערין אנגענומען ביי גאט. און אפשר וועט דער
מענטש וועלין פרעגין דיא גמרא זאגט דאך (לעולם יעסוק אדם בתורה שלא לשמה)
דער מענטש זאל לערנין תורה און טוען מצות. און ווען אויך דער יצר הרע וועט
זיך אריין מישען און וועט אים אריין שיקען אשלעכטע כוונה. פון כבוד וועגין. אבער
פון אנדערע זאכין וועגין. פון דעסט וועגין זאל ער ווייטער לערנין. (שמתוך שלא
לשמה בא לשמה) ווארום ווען ער וועט ווייטער לערנין וועט איהם דיא תורה שוין
גורם זיין אז ער זאל ווייטער לערנין לשמה. אויף דעם ענטפערט דער אנדערער פסוק:
(יב) (קרבן ראשית תקריבו אתם לה׳) איין קרבן צום אנהייב קענסטו מקריב זיין פון
זויערקייט און פון האניג כלומר ביים אנהייב לערנין קענסטו לערנין שלא לשמה.
היינו פון כבוד וועגין. אבער זאלסט וויסען (ואל המזבח לא יעלו לריח ניחח) אז צום
מזבח של מעלה וועט דיין תורה און דיא מצות וואס דו טועסט שלא לשמה. ניט
אנקומען. איבער דעם זאלסטו זעהן אז דער עיקר פון דעם תורה לערנין זאל נאר זיין
לשמה צו וויסען וועלכעס מען מאג יוא טוען און וועלכעס ניט: (יד) ואם וגו׳ דער
פסוק איז מרמז אז דער מענטש בדארף זעהן. תיכף אין דיא יונגע יאהרין זאל ער זיך
נעמין צו עבודות הבורא. איז דיא כוונה אין פסוק אזוי. (ואם תקריב מנחת בכורים)
ווען דו וועסט זיך מאכין גיגעהנען פאר אמנחה פון בכורים פון פרוהצייטונג כלומר ד

וועסט זיך מקרב זיין תיכף אין דיא יונגע יאהרין (לה׳) צו גאט אונ צו זיינע מידות צו זיין אבעל רחמים האבין רחמנות אויף דעם אנדערען מענטש. איהם צו העלפין אין זיין נויט. אונ צו לערנין תורה אונ צו טוען מצות ומעשים טובים. אונ דו וועסט זיך ניט פירען ווי אנדערע וואס זיי זאגין. זיי האבין נאך צייט אויף די עלטער צו זיין גוט אונ פרום אונ ווען עס קומט אויף דיא עלטער איז שוין אויף זיי דער יצר הרע אנאנצער מושל דאס זיי קענין זיך שוין ניט אויסציען פון זיין ממשלה. זיי זענין שוין פארפאלין אבער דער וואס נעמט זיך תיכף אין דיא יונגע יאהרין צו עבודות הבורא. דאמאלס (אביב) דער יצר הרע וואס ער ווערט גירופען אביב ער איז דער פריאצייטיגער. ער קומט צום מענטש תיכף וויא ער ווערט געבארין. ער היילט זיך צו בהעפטין צום מענטש פריער פאר דעם יצר טוב. (קלוי באש) וועט ער. דער יצר הרע פארברענט ווערין דורך דיא תורה. (גרש כרמל) דער מענטש זאל צו ברעכין דיא פייכטע אין פילע זאנגען. כלומר ער זאל זיך אפציען פון מותרות התענוגים. ער זאל נאר עסין אונ טרינקען פון וועגין צו האבין כח צו לערנין תורה אונ צו טוען מצות ומעשים טובים. דאמאלס (תקריב את מנחת בכוריך) וועסטו מקריב זיין צו גאט דיינע גוטע מעשים וואס דוא נעמסט זיך צו טוען תיכף אין דיא יונגע יאהרין: (טו) (ונתת עליה שמן) דוא זאלסט אויף די מנחה געבין בוימאייל. דאס מיינט מען דיא תורה. (ושמת עליה לבנה) אונ זאלסט טוען אויף איהר ווייראוך דאס מיינט מען מעשים טובים (מנחה היא) דאמאלס וועט דאס הייסן אמנחה: (טז) (והקטיר הכהן) פריער האבען מיר געשריבען פון זהרם וועגין אז דער מלאך מיכאל איז מקריב די גוטע מעשים פון דיא צדיקים צו גאט. דאס מיינט דער פסוק (והקטיר הכהן) דער מלאך מיכאל וועט מקריב זיין (את אזכרתה) איהר אנדענקונג (מגרשה) פון דעם וואס דער מענטש ברעכט זיך אפ פון תאוות הגשמיות. (ומשמנה) אונ פון דעם וואס ער לערנט דיא תורה. (על כל לבנתה) מיט אלע גוטע מעשים וואס ער טוהט (אשה לה׳) איז דער מלאך דאס מקריב אפייער אפפער צו גאט:

ד (ב) דבר וגו׳ רעד צו די ישראל אונ זאג זיי (נפש כי תחטא בשגגה) ווען אמענטש וועט זינדיגען אומגערין. זאגט דער פסוק מען זאל זיך ניט וואונדערען פון וואנעט קומט עס צום מענטש ער זאל טוען עבירה בשוגג ווארום ווען ער טוהט אומגערין איז דאך דאס ניט מיט דעם ווילן. אונ ווען ער זעלבסט וויל דאס ניט טוען פאר וואס האט ער דאס יוא געטוען. ענטפערט דער פסוק (מכל מצות ה׳ אשר לא תעשינה ועשה מאחת מהנה). דער מענטש האט שוין מסתמא איינמאל עובר גיוועזן אויף די בפויל פון גאט. וואס ער האט בפוילין מען זאל ניט טוען אונ דער מענטש האט יוא גטוען מיט דעם ווילין. אונ דיא גמרא זאגט עבירה גוררת עבירה ווען דער מענטש איז עובר איין עבירה ציעט עם אים אז ער זאל עובר זיין אויף נאך עבירות איבער דעם האט איהם גורם גיוועזן דיא ערשטע עבירה וואס ער האט גטוען מיטין ווילין. דאס ער זאל עובר זיין אויף נאך איין עבירה בשוגג ווען אויך זיין ווילין איז ניט גיוועזן דאס צו טוען. אונ נאך קען מען זאגין דיא כוונה אין פסוק איז פארקערט. אז אנפש וועט זינדיגין אומגערין זאל ער זעהן תיכף צו טוען תשובה. ווארום ווען ניט וועט חלילה זיין (מכל מצות ה׳ אשר לא תעשינה) אז פון אלע בפוילונג וואס גאט האט בפוילין מען זאל ניט טוען (ועשה) וועט דער מענטש פון זיי יוא טוען. במזיד. (מאחת) צום ערשטין מאל האט ער נאר גיטוען אביסעל פון איין עבירה. אונ דערנאך

(מהנה) וועט ער שוין טוען עטליכע עבירות. ווארום איין עבירה ציעט שוין דיא אנדרע עבירה. איבער דעם דארף ער זעהן תיכף ביי די ערשטע עבירה וואס ער האט געטוען בשוגג זאל ער תשובה טוען. וועט עס שוין אים ניט ציען צו טוען נאך עבירות (ג) (אם הכהן המשיח יחטא) דער אור פני משה טייטשט אזוי ווען דער כהן וואס ער איז גיווארין גיזאלבט מיט דעם היילינגען בוימיל וועט זינדיגען. זאגט דער פסוק. וועלכעס האט איהם גורם גיוועזן דאס ער זאל זינדיגען. (לאשמת העם) ווייל ער האט גילאזט דאס פאלק זיי זאלין זינדיגען. אונ ער האט זיי ניט מוכיח גיוועזן. דאס האט איהם גורם גיוועזן ער זאל אליין אויך זינדיגען (והקריב על חטאתו וגו׳) זאל ער מקריב זיין אקרבן אויף זיין זינד פון פריער וואס ער האט זיי ניט גישטראפט. וואס דורך דעם אשר חטא איז ארויס געקומען דאס ער האט אליין אויך גיזינדיגט. זאל ער מקריב זיין איין פר פאר אקרבן:

ה (א) ונפש וגו׳ דער אור פני משה טייטשט אזוי. דיא גמרא זאגט ווען דיא נשמה בדארף אריין געהן אין גוף באשווערט מען איהר אין הימעל דאס זיא זאל זיך פירין בדרך הטוב. פרעגט דא דער פסוק (ונפש) דיא נשמה זיא איז דאך ארויס גיהאקט פון כסא הכבוד. (כי תחטא). זיא זאל זינדיגען. אונ אויך (ושמעה קול אלה) זיא האט דאך גיהערט איין קול פון אשבועה וואס מען האט איהר באשווארין זיא זאל ניט זינדיגין. (והוא עד) אונ גאט איז דאך אעדות אויף דיא זינד וואס זיא זינדיגט. (או ראה או ידע) ער זעהט אונ ער ווייסט וואס זיא טוהט. אונ פון דעסט וועגין זאל דיא נשמה זינדיגין איז דאס אווינדער. נאר באמת איז דאך דיא נשמה ניט שולדיג. זיא אליין קען גאר ניט טוען. נאר וויא דער גוף פירט זיך מיט איהר. זאגט ווייטער דער פסוק. ווען אויך דיא נשמה האט דורך דעם גוף געזינדיגט. פון דעסט וועגין ווייל גאט איז ארחום וחנון. האט ער פארזארגט דיא מענטשין מיט אתיקון. זיי זאלין טוען תשובה. זייא זאלין זיך מתודה זיין אויף זייערע זינד. אונ זאלין מקבל זיין אויף ווייטער נישט צו זינדיגען. איז גאט מוחל. נאר ווען חלילה דער מענטש האט קיין שכל נישט אונ טוט נישט קיין תשובה טראגט ער אויף זיך דיא זינד ביז ער שטארבט. דאס איז דיא כוונה. (אם לוא יגיד) שטייט דאסווארט לוא מיט איין ו׳. אונ מיט איין א׳. איז עס גלייך וויא עס וואלט שטיין ביידע ביי לו מיט איין ו׳ אונ ביי לא מיט איין א׳. אונ לו מיט איין ו׳ איז דער טייטש צו איהם. אונ לא מיט איין א׳ איז דער טייטש ניט. איז דיא כוונה אזוי. (אם לא יגיד) ווען דער מענטש זאגט ניט קיין ווידוי אויף זיינע חטאים אונ טוהט נישט קיין תשובה (ונשא עונו) טראגט ער אויף זיך זיינע זינד ביז ער שטארבט. אבער (אם לו) ווען צו איהם כלומר צו גאט יגיד וועט ער זאגין. ער וועט זיך מתודה זיין (ונשא עונו) וועט גאט פון איהם אוועק טראגין זיינע זינד אונ וועט איהם מוחל זיין: (ד) (או נפש כי תשבע). דאס ווארט תשבע איז דער טייטש זיא ווערט בעשווארין פון איין אנדערין אזוי ווי פריער שטייט פון די גמרא. ווען דאס קינד איז נאך אין דיא מוטערס בויך באשווערט מען דיא נשמה דאס עס זאל זיין אצדיק. דאס איז דער רמז פון פסוק. (או נפש כי תשבע) דיא נשמה וואס זיא ווערט בעשווארין (לבטא בשפתים) דאס זיא זאל רעדין מיט דיא ליפען דיא רייד פון דיא תורה הקדושה. (להרע או להיטיב) זיא זאל וויסען וועלכעס עס איז שלעכט צו טוען אונ וועלכעס עס איז גוט צו טוען. אונ (לכל אשר יבטא האדם) אלע רעדיכץ וואס דער מענטש וועט רעדין אין זיין לעבין. (בשבעה) ווערט ער אויף דעם באשווארי

דאם

אם ער זאל אמ"ע רייד גוטע רייד (ונעלם ממנו) אונ עס וועט ווערין פון איהם פאר זוילין. (והוא ידע) ער האט שוין דאס אלץ געוויסט אזוי ווי די גמרא זאגט אז אמלאך לערינט מיט דעם קינד גאנץ תורה ווען עס איז נאך אין די מוטערס בויך. כלומר מיט די נשמה לערינט דער מלאך. (ואשם לאחת מאלה) אונ דער מענטש וועט זיך פארשולדיגין צו איינס פון די דאזיגע. הן ער וועט טוען אשלעכטע זאך. הן ער וועט רעדין שלעכטע ווערטער. רכילות. לשון הרע. ליצנות. זאל ער וויסען אז דאס איז ניט קיין קלייניקייט נאר ער איז עובר אויף די שבועה וואס ער איז גיווארין בשווארין אין הימעל. איבער דעם בדארף ער זעהן פיל חרטה צו האבין אונ צו טוען תשובה אונ צו ברענגין אקרבן כפרה: (יט) אשם וגו' אין דעם פסוק שטייט דריי מאל דאס ווארט אשם. בדארף מען פארשטיין די כוונה פון דעם. קען מען זאגין אזוי. (אשם הוא) דער מענטש וואס זינדיגט וואלט ער זעלבסט בדארפט נקרב ווערין פאר אקרבן. נאר גאט איז דאך אבער אבעל רחמים האט ער גיגעבין אתקנה. (אשם) אז דער מענטש זאל זיך ענטשולדיגין פון זיינע זינד (אשם לה'). מיט דעם קרבן אשם פון דיא בהמה וואס ער איז מקריב צו גאט. נאר ווען ווערט דער קרבן מרוצה. ווען דער מענטש טוהט תשובה מיט דעם גאנצין הארץ. אונ האט חרטה אויף זיינע זינד. אזוי ווי די ראשי תיבות פון ווארט אשם מאכין. דער א' מאכט 'אם. די ש' מאכט 'שב. דער מ' מאכט 'מחטאתו. איז דער טייטש פון דעם. ווען דער מענטש טוהט תשובה פון זיינע זינד. אונ אויך דיא ראשי תיבות פון דעם אנדערין ווארט אשם מאכין אזוי. דער א' מאכט 'אם דיא ש' מאכט 'שופר דער מ' מאכט 'מעשיו. דער טייטש פון דעם איז אזוי. אונ ווען דער מענטש טוהט פון יעצט אן מעשים טובים. דאמאלס וועט איהם גאט מוחל זיין אונ אננעמין זיין תשובה גלייך אזוי ווי אמנחה. אויף דעם איז מרמז די ראשי תיבות פון דעם דריטען ווארט אשם. דער א' מאכט 'או. די ש' מאכט 'שלחדער מ' מאכט 'מנחתו. כלומר דאמאלס וועט ווערין גשיקט זיין מנחה דאס איז זיין תשובה לה' צו גאט: (כא) נפש כי תחטא. דער ס' עיר גבורים טייטשט אזוי. (נפש כי תחטא) ווען אמענטש טוהט איין חטא. ער זינדיגט. זאל ער וויסען אז ווען ער וועט ניט תיכף טוען תשובה וועט אויסקומען (ומעלה מעל בה') וועט ער ביסליך ווייס פעלשין אין גאנצין אין גאט. (וכחש בעמיתו) אונ דער נאך וועט ער גאר חלילה לייקענען אין גאנצין אין גאט. (בפקדון) אונ אויך וועט ער פעלשין אין די נשמה וואס זי ווערט גיגעבין צו מענטשין אזוי ווי אפקדון. (או בתשומת יד) אויך לייקינט ער אין דעם טועבין פון האנד. כלומר אין דעם שותפות וואס גאט האט אין דעם מענטש. אזוי וויא דיא גמרא זאגט אז דריי שותפים האבין חלקים אין מענטש. דער פאטער. אונ די מוטער. אונ השי"ת. אונ ווען דער מענטש זינדיגט אנטקעגין גאט הייסט דאס גלייך וויא ער זאגט איהם אפ פון שותפות (או בגזל) סיי די זינד וואס ער בגאזילט גאט מיט דעם וואס ער איז נהנה פון די מאכלים ומשקאות אונ מאכט ניט קיין ברכה אזוי ווי די גמרא זאגט כל הנהנה מן העולם הזה בלא ברכה) דער וואס האט הנאה פון די זאכין פון די וועלט אונ מאכט ניט קיין ברכה (כאילו גוזל להקב"ה) איז דאס גלייך ווי ער בגאזילט דעם השי"ת (או עשק את עמיתו) הן דאס וואס ער איז חוטא נגד השי"ת מיט דעם וואס ער גיט ניט קיין צדקה. וואס דאס איז אויף דעם ארט פון מעשר וואס מען בדארף צו געבין. אונ ווען מען גיט עס ניט איז עס גלייך וויא ער בערויבט גאט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק (היקבע אדם אלהים) איז דאס רעכט

רעכט אז א מענטש זאל ביא גאט גזלינען . (ואמרתם במה קבענוך) וועט איהר אפשר פרעגין וועלכעס גזלינן מיר פון איהם . זאג איך אייך (המעשר והתרומה) דאס וואס איהר גיט נישט קיין מעשר אונ תרומה . אונ היינט אין גלות איז דיא צדקה אויף דעם ארט פון תרומה אונ מעשר . היינט אז מען גיט נישט קיין צדקה צו דיא ארימע מענטשין איז עס גליך וויא ער גזילט גאט : (כב) (או מצא אבדה) אונ ווען דער מענטש האט אנגהויבן צו זינדיגען האט ער מסתמא דאך אויף גיהערט צו לערנין תורה . אונ ווען ער האט איהר גאר אוועק גילייגט איינמאל פון צו לערנין . זאגט אויף דעם דיא גמרא שנה ופירש יותר מכלם דער וואס האט אמאהל גילערינט דיא תורה אונ שייד זיך אפ פון איהר איז ער אויף איהר מעהר אין כעס וויא דער וואס האט איהר גאר נישט גילערינט . דאס מיינט דער פסוק (או מצא אבדה) אונ ווען דער מענטש וואס דער פסוק שמועסט פריער פון איהם וואס ער האט גטוען אחטא . ווען ער געפינט אמאהל דיא פארלארענע תורה וואס זיא איז פון איהם פארלארען גיגאנגען . ווען ער נעמט זיא אמאל איין ספר צו לערנען . (וכחש בה) הייבט ער גאר אן צו לייקינען אין איהר . ער זאגט אז זיא איז נישט מן השמים. אונ ווען ער האלט שוין ביא דיא שלעכטע מדרגה צו לייקנען אין דיא תורה. אונ ער איז עובר אויף איהרע מצות קומט דאך אויס (ונשבע על שקר) אז זיין שבועה וואס ער האט אויף זיך גענומען ווען ער איז נאך גיוועזן אין דיא מוטערס בויך איז גאר פאלש . ווארום (על אחת) דורך איין עבירה וועט ער שוין טוען נאך עבירות ביז עס וועט חלילה זיין (מכל אשר יעשה האדם) אלץ וואס דער מענטש וועט נאר טוען (לחטא בהנה) וועט ער טוען פיל זינד : (כג) (והיה כי יחטא) זאגט דער פסוק אונ עס וועט זיין ווען דער זינדיגער מענטש וועט זיך דערמאנען אין דעם טאג וואס ער וועט בדארפין ווערין געפיילט פון דיא וועלט. דאס איז דער טאג וואס ער וועט בדארפין שטארבין . (ואשם) אונ ווען ער וועט נישט טוען קיין תשובה וועט ער דאך קומען אויף יענער וועלט איין זינדיגער מענטש. איבער דעם בדארף ער זעהן תיכף צו געמין תשובה צו טוען אויף דיא אלע זאכין וואס ער האט געזינדיגט (והשיב את הגזלה אשר גזל) ער זאל אוועק געבין דיא גזילה וואס ער האט גיגאזילט . דאס מיינט מען ער זאל שוין זיין געהיט ער זאל ניט נעמין עפים צום מויל אן אברכה . (או את העשק אשר עשק) ער זאל אוועק געבין דאס וואס ער האט גרויבט דאס מיינט מען ער זאל געבין צדקה . ווארום פריער ווען ער האט נישט גיגעבין האט ער מיט דעם גאט גרויבט אזוי וויא פריער שטייט. (או את הפקדון אשר הפקד אתו) אונ ער זאל זעהן פאר ריכטען דאס וואס ער האט שלעכטס גטוען צו זיין נשמה וואס זיא איז צו איהם גיגעבין געווארין בתורת פקדון . (או את האבדה אשר מצא) אונ ער זאל זעהן מתקן זיין וואס ער האט פריער גירעד אויף דיא תורה הקדושה : (כד) (או מכל אשר ישבע עליו לשקר) אונ אויף אלע זאכין וואס ער האט נאר עפים מקלקל גיוועזן וואס דורך דעם איז ארויס געקומען אז זיין שבועה וואס ער איז גיווארין בשווארין אין זיין מוטערס בויך איז געווארין פאלש זאל ער דאס אלץ מתקן זיין . ושלם אתו בראשו) אונ זאל דאס אלץ מתקן זיין מיט זיין קאפ . כלומר ער זאל טוען תשובה מיט דעם שכל . מיט אלע גידאנקין וואס זענין אין קאפ זאל ער גוט בעקלערין יעדערין חטא מתקן צו זיין. (וחמשתיו) אונ זיינע פינפטלען דאס מיינט מען דיא צדקה וואס ער וועט געבין . ווארום דער דין איז אז דער וואס גיט צדקה איז ער ניט מחויב צו געבין מער וויא איין פינפט חלק פון זיין פארמעגין . (יסף עליו) דיא מצוה פון צדקה וועט איהם נאך פארמערין זיין פארמעגנ .

לאשר

לאשר הוא לו צו גאט ברוך הוא וואס דיין געלד איז צו איהם . ער האט עס דיר גיגעבין . (ותנגו ביום אשמתו) זאלסטו פון דעם איהם צוריק געבין אין דעם טאג וואס דוא טוהסט תשובה אויף דיינע זינד :

# פרש״ צו

(ו) (א) וידבר וגו׳ (ב) צו וגו׳ אין מדרש שטייט (אמר ר׳ לוי נימוס הי׳ וקילוסין הוא שכל המתגאה אינו נידון אלא באש) ר׳ לוי זאגט דער מענטש וואס האלט זיך בגאוה ער האלט זיך גרויס איבער דעם אנדערין ווערט ער גמשפט צו ווערין פארברענט אין פייער פון גיהנם שנאמר (היא העלה על מקרה) דארום עס שטייט אין פסוק. זיא איז די עולה וואס ווערט פארברענט. זאגט דער נחל קדומים די כוונה אין דעם מדרש אזוי. דער מדרש קומט ווייזין אז דער פסוק איז מרמז אז א מענטש טאר זיך ניט האלטין בגאוה. ווארום ספרים שרייבין אז דיא שלעכטע מדה פון גאוה קומט צום מענטש פון זיין יסוד האש . ווארום דער מענטש איז פון פיר יסודות . פון פייער. אונ פון ווינד דאס איז די לופט דער אטום . אונ פון וואסער. אונ פון ערד . אונ אזוי ויא פייער הייבט זיך נאר אין דיא הויך . אזוי דורך דעם יסוד פון פייער ברענט אין מענטש ער זאל זיך רעכינען גרעסער פון דעם אנדערין . אונ איבער דעם ווערט ער געשטראפט מדה כנגד מדה אז ער וועט ווערין פארברענט אין פייער פון גיהנם . אונ די גמרא זאגט אין בן דוד בא עד שיכלו גסי הרוח מישראל. משיח דער זין פון דוד קען אנדערש ניט קומען נאר ווען עס וועט ניט זיין קיין בעלי גאוות ביי די יודין. ווען יעדער מענטש וועט זיך רעכינען אז דער חבר איז גלייך מיט איהם . אונ נאך בעסער. וועט דורך דעם ביי זיין שלום אונ אחדות דאמאלס קען משיח קומען. אונ עס וועט ווערין גבויעט דער בית המקדש אונ מען וועט אויף איהם מקריב זיין קרבנות . קומט דאך אויס אז דורך די בעלי גאוות קומט ניט משיח . אונ דער בית המקדש ווערט דורך זיי ניט גבויעט. אונ דורך דעם וואס אין זיי ברענט דער יסוד אש זיך צו רעכינען העכער פון דעם אנדערן . ווערט ניט גיברענט אין בית המקדש דאס פייער פון די קרבנות. איבער דעם איז מדה כנגד מדה ווערין זיי געשטראפט מיט פייער פון גיהנם . איז דער רמז אין פסוק אזוי . (צו את אהרן ואת בניו) בפויל צו אהרן אונ מיט זיינע קינדער (לאמר) אונ זיי זאלין דאס זאגין צו די יודין. (זאת תורת העלה) דאס איז דער דין אונ משפט פון דיא מענטשין וואס האלטין זיך בגאוה אונ רעכינען זיך העכער פון דעם אנדערן . (היא העלה) דיא שלעכטע מדה פון גאוה . פון וואס קומט זי צום מענטש (על מוקדה) דורך דעם ברענונג פון יסוד האש . אונ דורך דעם קומט אויס (על המזבח) איז דער מזבח אפגעהויבין פון אונז מיר האבין ניט קיין בית המקדש ניט קיין מזבח . (כל הלילה) דיא גאנצע צייט פון גלות וואס עס איז גלייך צו נאכט . (עד הבקר) אז עס וועט קומען דער מארגען פון דיא גאולה . איבער דעם וויל דיא מדת הגאוה קומט אין מענטש דורך פייער . אונ דורך דעם איז ער מעכב דאס פייער פון צו זיין אויף דעם מזבח . (והאש המזבח) דער פייער וואס האט בדארפט צו ברענין אויף דעם מזבח (תוקד בו) וועט עס ברענען אין דעם מענטש אין גיהנם. אונ איבער דעם האט ער דאס גהייסין בפוילין צו אהרן מיט זיינע קינדער ווארום אהרן איז דאך גיווען דער כהן גדול אונ זיינע קינדער זענין דאך מיוחסים וועלין זיי זיך אפשר האלטין

איבער דעם פארזאגט ער זיי דאס זיי זאלין זעהן שטארק נזהר צו זיין אין דעם. אונ איבער דעם שטייט ווייטער אין פרשה אחרי דאס נדב ואביהוא זענין געשטארבין דורך דעם וואס אפייער פון גאט האט זיי פארברענט. זאגט דארט דער מדרש ׳ ווייל זייא האבין זיך גירעכינט. גרויסע מיוחסים זיי האבין גיזאגט אונזער פאטערס ברודער משה איז אמלך, אונזער פאטער איז אכהן גדול, איבער דעם האבין זיי ניט חתונה גיהאט. ווארום אנטקעגין יעדערין שידוך וואס מען האט זיי גירעדט האבין זיי זיך גיהאלטין גרעסער פון יענעם. אונ האבין ניט חתונה גיהאט. אונ דאס איז דיא כוונה אין במדבר (פרשה ג׳ פסוק ד׳) (וימת נדב ואביהוא וגו׳ ובנים לא היו להם) נדב אונ אביהוא דיא קינדער פון אהרן זענין געשטארבין ווייל זיי האבין ניט גיהאט קיין קינדער. איז דיא כוונה ווייל זיי האבין זיך גירעכינט גרעסער פון אלע האבין זייא מיט קיינעם ניט גיוואלט משדך זיין אונ האבין קיין קינדער ניט גיהאט איבער דעם איז גיוועזן זייער עונש מדה כנגד מדה אונ זענין פארברענט גיווארין. איבער דעם בדארף יעדער מענטש זיך שטארק אפ צו ציען פון דיא שלעכטע מדה זיך צו האלטין בגאוה חלילה. נאר זיך צו רעכינען גלייך מיט דעם אנדערין וועט דורך דעם זיין אחדות אונ שלום וועט זיין דיא גאולה במהרה בימנו אמן: אונ דער אור פני משה טייטשט אזוי דיא פסוקים ע״פ רמז. מיר האבין שוין פריער פיל מאל געשריבען פון זהר אז דיא תלמידי חכמים וואס לערנען דיא תורה ווערין גירופין כהנים. אזוי וויא דיא כהנים האבין מקריב גיוועזן דיא קרבנות אויף דעם מזבח צו גאט אזוי זענען דיא תלמידי חכמים מקריב דיא תורה צו גאט. ... דאס וואס דיא מענטשין זענען מחזיק דיא תלמידי חכמים. זייא געבען זיי פרנסה זייא זאלין קענין תמיד עוסק זיין אין לימוד התורה ווערט עס גירופען עצים. אזוי וויא דורך דיא האלץ ווערט פארברענט דער קרבן. אזוי דורך זייער שטיצונג וואס זיי העלפין דיא לומדי תורה ווערט דיא תורה גילערינט. אונ אויך זאגט דיא גמרא אז דער וואס לערינט אין דיא תורה דיא דינים פון קרבנות איז עס גלייך וויא ער איז מקריב דיא קרבנות וואס ער לערינט. אונ ווען דיא מענטשין זענין מחזיק דיא לומדי תורה מיט פרנסה אז דורך זייא קענין דיא תלמידי חכמים תמיד עוסק זיין אין לערנין. איז דאס גלייך וויא דיא מענטשין זאלבסט לערנען. ווען אויך זייא ארבייטין גאר אגאנצע טאג אין גישעפטין. אונ עס איז גלייך וויא זיי זענין מקריב קרבנות. מיט דעם קען מען טייטשין דיא פסוקים אזויא. (צו את אהרן ואת בניו) בפעהל די תלמידי חכמים (לאמר) אונ זאלסט זייא אזויא זאגין. (זאת תורת העלה) דאס דאזיגע וואס זיי לערנין אין דיא תורה דיא דינים פון אקרבן עולה (היא העלה) איז עס גלייך וויא זיי זענען מקריב אקרבן עולה. (על מוקדה) דורך איהר ברענונג. דאס מיינט מען וואס עס ברענט אין דיא תלמידי חכמים דאס חשקות צו דיא תורה (על המזבח) איז עס גלייך וויא עס ברענט אויף דעם מזבח. (כל הלילה) דיא גאנצע צייט פון גלות וואס ווערט גערופין לילה (עד הבקר) ביז עס וועט זיין דיא גאולה וואס ווערט גירופין בקר. (ואש המזבח תוקד בו) אונ דער פייער פון מזבח ברענט דורך איהם כלומר זיין ברענונג פון חשקות התורה איז גירעכינט וויא עס ברענט פייער פון קרבנות אויף דעם מזבח: רש״י ברענגט אין צו אלא לשון זרוז מיד ולדורות. דאס ווארט צו איז דער מיינונג אבפויל מען זאל עס תיכף טוען אונ אויך אויף שטענדיג. אמר ר׳ שמעון ביותר צריך הכתוב לזרז במקום שיש בו חסרון כיס. ר׳ שמעון זאגט אומיינסטין בדארף מען דעם מענטשין שטארק פארזאגן אויף דיא זאך

וואס

וָואס עֶס קָאסְט גֶעלְד . אִיז דִיא כַּוָּונָה אַזוֹי . רַשִׁ"י זָאגְט אַז דֶער בְּפֵוּיל אִיז אוֹיף שְׁטֶענְדִיג . אִיז דָאךְ קָשֶׁה דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז דָאךְ חָרוּב גֶעוָוארְן אִיז דָאךְ שׁוֹין דִיא בְּפֵוּיל פוּן קָרְבָּנוֹת נִישְׁט אוֹיף שְׁטֶענְדִיג . נָאר וַוייל דָאס לֶערְנֶען פוּן דִיא דִינִים פוּן קָרְבָּנוֹת אִיז גְלַייךְ וִויא מֶען אִיז מַקְרִיב קָרְבָּנוֹת נִמְצָא אִיז דָאךְ דָאס אוֹיף שְׁטֶענְדִיג . אוּנ אַמָאל טְרֶעפְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ קֶען אַלֵיין נִיט לֶערְנֶען בַּדַארְף עֶר צָאהְלֶין פַאר דֶעם . אוּנ אוֹיךְ דַארְף עֶר צָאהְלֶין מֶען זָאל לֶערְנֶען מִיט זַיינֶע קִינְדֶער . וֶועט עֶר דָאךְ וֶועלִין זְשַׁאלִיוֶוען . קוּמְט ר' שִׁמְעוֹן אוּנ זָאגְט דָא בַּאיי דֶעם בְּפֵוּיל וָואס מֶען פַארְזָאגְט אוֹיף לֶערְנֶען . בַּדַארְף שְׁפַּיין דָאס וָוארְט צוּ אַשְׁטַארְקֶן בְּפֵוּיל וַוייל עֶס בַּדַארְף קָאסְטֶען גֶעלְד :

(ג) (וְלָבַשׁ הַכֹּהֵן מִדּוֹ בַד) דֶער תַּלְמוּד חָכָם בַּדַארְף זֶעהְן זִיךְ אָנְקְלֵיידֶען קְלֵיידוּנְג פוּן רֵיינֶע לַייְוַואנְד דָאס מֵיינְט מֶען עֶר זָאל הָאבֶּן גוּטֶע מִדּוֹת . (וּמִכְנְסֵי בַד יִלְבַּשׁ עַל בְּשָׂרוֹ) אוּנ זָאל זִיךְ הִיטֶען פוּן זְנוּת . אוּנ פוּן שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶן. דָאס מֵיינְט דֶער פָּסוּק אַז רֵיינֶע לַייוֶוענְדֶע הוֹיזֶען זָאל עֶר אָנְקְלֵיידֶען אוֹיף זַיין לַייבּ . (וְהֵרִים אֶת הַדֶּשֶׁן אֲשֶׁר תֹּאכַל הָאֵשׁ) אוּנ זָאל אָפְּשֵׁיידֶן דִי אַשׁ וָואס דָאס פַייעֶר פַארְבְּרֶענְט . דָאס מֵיינְט מֶען עֶר זָאל זִיךְ אָפְּשֵׁיידֶן פוּן דִיא תַּאֲווֹת . וָואס דָאס פַייעֶר פוּן דֶעם כֹּחַ הַתּוֹרָה פַארְבְּרֶענְט עֶס . אוּנ וֶוען דֶער יֵצֶר הָרָע רֶעדְט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל זִיךְ נָאכְגֶעבִּין תַּאֲווֹת . מִיט וָואס זָאל עֶר אִיהְם פוּן זִיךְ אָפְּשְׁטוֹיסִין (אֶת הָעֹלָה עַל הַמִּזְבֵּחַ) דוּרְךְ דֶעם כֹּחַ הַתּוֹרָה וָואס עֶר לֶערִינְט . וָואס דָאס אִיז גְלַייךְ וִויא עֶר בְּרֶענְט פַייעֶר אוֹיף דֶעם מִזְבֵּחַ . דָאס פַייעֶר פוּן דִיא תּוֹרָה וֶועט אַוֶועק שְׁטוֹיסְן דָאס פַייעֶר פוּן יֵצֶר הָרָע . נָאר פוּן דֶעסְט וֶועגִין זָאל עֶר נִיט אִין גַאנְצִין אָפְּשְׁטוֹיסִין פוּן זִיךְ דֶעם יֵצֶר הָרָע . עֶר זָאל זִיךְ פַיינִיגֶען נִיט צוּ עֶסִין . דָאס פַארְלַאנְגְט נִיט דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה . נָאר (וְשָׂמוֹ אֵצֶל הַמִּזְבֵּחַ) עֶר זָאל דֶעם יֵצֶר הָרָע אוֹיךְ הֶערִין אוּנ זָאל עֶסִין אוּנ טְרִינְקֶען . נָאר פוּן וֶועגִין עֶר זָאל הָאבִּין כֹּחַ צוּ שְׁטֵיין לֶעבִּי מִזְבֵּחַ כְּלוֹמַר עֶר זָאל הָאבִּין כֹּחַ צוּ לֶערְנֶען דִיא תּוֹרָה :

(ד) (וּפָשַׁט אֶת בְּגָדָיו) אוּנ וֶוען דֶער תַּלְמִיד חָכָם הָאט עֶפִּיס גֶעזִינְדִיגְט . אוּנ דוּרְךְ דִיא זִינְד אִיז גֶעוָוארִין זַיין גוּף , וָואס עֶר אִיז אַקְלֵייד צוּ דִיא נְשָׁמָה , פַארְפְלֶעקְט . זָאל עֶר זֶעהְן דָאס אוּנְרֵיינְקֵייט פוּן זִיךְ אָפְּצוּצִיעֶן . נָאר (וְלָבַשׁ בְּגָדִים אֲחֵרִים) עֶר זָאל זִיךְ אָנְקְלֶעדִין מִיט רֵיינֶע קְלֶעדִיר . עֶר זָאל טוּעֶן תְּשׁוּבָה וֶועט זַיין גוּף צוּרִיק וֶוערִין רֵיין (וְהוֹצִיא אֶת הַדֶּשֶׁן אֶל מִחוּץ לַמַּחֲנֶה) אוּנ דִי הוֹצָאוֹת וָואס עֶר הָאט בִּיז אַהֶער אוֹיסְגֶעגֶעבִּין אוֹיף תַּאֲווֹת עוֹלָם הַזֶּה וָואס דָאס אִיז אוֹיסְוֶוענִיג פוּן דִיא מַחֲנֶה שְׁכִינָה , זָאל עֶר פוּן יֶעצְט אָן אוֹיסְגֶעבִּין אוֹיף עוֹלָם הַבָּא זַאכִין , מִצְוֹת צוּ טוּעֶן וָואס דָאס וֶועט אַרַיין (אֶל מָקוֹם טָהוֹר) אִין אֵיין רֵיין אָרְט אִין מַחֲנֵה שְׁכִינָה עֶס וֶועט גֶערֶעכִין צוּם כִּסֵּא הַכָּבוֹד :

(ה) (וְהָאֵשׁ עַל הַמִּזְבֵּחַ תּוּקַד בּוֹ) אוּנ דֶער פַייעֶר פוּן דִיא תּוֹרָה זָאל אִין אִיהְם אִין דֶעם תַּלְמִיד חָכָם תָּמִיד בְּרֶענִין (לֹא תִכְבֶּה) זִיא זָאל נָאר נִישְׁט פַארְלָאשִׁין וֶוערִין פוּן אִיהְם . אוּנ פַאר וָואס אִיז עֶס אַזוֹי . וָוארוּם (וּבִעֵר עָלֶיהָ הַכֹּהֵן עֵצִים בַּבֹּקֶר בַּבֹּקֶר) דֶער תַּלְמִיד חָכָם בַּדַארְף דָאךְ אַלֶע פְרִיא מָארְגֶען בְּרֶענִין הָאלְץ , דָאס מֵיינְט מֶען . דָאס וָואס עֶר נֶעמְט שְׁטִיצוּנְג אוּנ פַּרְנָסָה פוּן דִיא מֶענְטְשִׁין , בַּדַארְף עֶר דָאךְ פַאר זֶעהְרְט וֶוערִין לֶערְנֶען , אוּנ וֶוען עֶר וֶועט נִישְׁט תָּמִיד עוֹסֵק זַיין אוּנ דֶעם לֶערְנִין . וֶוען וֶועט עֶר לֶערְנֶען פַאר זִיךְ ? אִיבֶּער דֶעם בַּדַארְף עֶר תָּמִיד נָאר לֶערְנִין וֶועט זַיין אַבִּיסִיל פַאר דִי מֶענְטְשִׁין וֶועגִין , אוּנ אַבִּיסִיל פַאר זִיךְ . דָאס מֵיינְט וַוייטֶער דֶער פָּסוּק (וְעָרַךְ עָלֶיהָ הָעֹלָה) דֶער תַּלְמִיד חָכָם וָואס נֶעמְט שְׁטִיצוּנְג פוּן מֶענְטְשִׁין אוּנ עֶר לֶערוּנְט פוּן וֶועגֶען , זָאל עֶר לֶעבִּין וֶועהְר תּוֹרָה , פַאר זִיךְ אוֹיךְ אָנְגְרֵייטִין אַקָּרְבָּן עוֹלָה פוּן זַיין תּוֹרָה .

והקטיר

(והקטיר עליו חלבי השלמים) אונ דורך דעם לערנין וועט ער מַקְטִיר זַיין דָאס פֶעטְס פון דיא שְׁלָמִים דָאס מֵיינְט מען דעם זְכוּת פון דיא מענטשין וואס געבין איהם פַּרְנָסָה וואס דאס איז גְלַייך וויא זיי זענין מַקְרִיב שְׁלָמִים. אַזוֹי וויא אַקָרְבָּן שְׁלָמִים. פַאר וואס ווערט ער גרופין שְׁלָמִים. ווייל דאס ווארט שְׁלָמִים איז דער טַייטְשׁ צופְרִידִין. ווארום פון אַקָרְבָּן שְׁלָמִים האט דער מִזְבֵּחַ אַחֵלֶק, אונ דער כֹּהֵן אַחֵלֶק, אונ דער בַּעַל הַבַּיִת דאס איבריגע. אַזוֹי דאס שְׁטִיצוּנְג וואס מען שְׁטוּצְט דיא תַּלְמִידֵי חֲכָמִים האבין אַלֶע פון דעם. הַשְּׁיִת האט שִׂמְחָה וואס דורך זיי האט דער תַּלְמִיד חָכָם צייט צו לערנען, דיא תּוֹרָה האט שִׂמְחָה וואס דורך זיי ווערט זיא געלערנט. דער תַּלְמִיד חָכָם נעמט שָׂכָר. ווארום דורך איהם איז דאך דאס אַלֶץ. אונ דער נַהַל קְדוּמִים טַייטְשְׁט אַזוֹי. די גְמָרָא זָאגְט (יומא דף י״ג ודף כ״א) (אע״פ שהאש יורדת מן השמים מצוה להביא מן ההדיוט) ווען אויך עס איז אַרָאפּ געקומען אַפייער פון הימעל אונ עס איז גיוועזין אויף דעם מִזְבֵּחַ צו פַארְבְּרֶענִין די קָרְבָּנוֹת. פון דעסט וועגין איז אַמִצְוָה צו בְּרֶענְגִין פְּרָאסְטֶע פייער אויך. דאס זָאגְט דא דער פָּסוּק (והאש על המזבח תוקד בו) ווען אויך דאס פייער פון הימעל איז אויף דעם מִזְבֵּחַ אונ עס בְּרֶענְט. אונ אויך (לא תכבה) זיא איז דאך אַזוֹי מין פייער אַז עס ווערט ניט פַארְלָאשִׁין פון גְרֶעסְטִין רֶעגִין אונ ווינְד. פון דעסט וועגין (ובער עליו הכהן עצים וגו׳) בַּדַארְף דער כֹּהֵן אַלֶע פְרִיא מָארְגֶען אָנְצוּנְדֶען הָאלְץ פון פְּרָאסְטֶע פייער אונ אַרויף לייגין אויף דעם מִזְבֵּחַ. אונ דאס איז מְרַמֵז צום מענטש, ווען אויך עס איז דא אין מענטש דער אור אֱלוֹהַּ דאס געטליכע פייער, די היילִיגֶע נְשָׁמָה, פון דעסטוועגין בַּדַארְף זיך דער מענטש אַלֵיין אַלֶע פְרִיא מָארְגֶען תֵּיכֶף ווי ער שְׁטֵייט אויף פון שְׁלָאף זָאל ער זיך נעמין צו עֲבוֹדַת הבורא יתברך מיט אֵייגֶענֶע בְּרֶענִידִיקֵייט. אונ ווען עס וועט אַזוֹי זַיין איז דער פָּסוּק מַבְטִיחַ: (ו) (אש תמיד תוקד על המזבח) אַז מען וועט זוֹכֶה זַיין צום בִּנְיַן בֵּית הַמִקְדָשׁ וואס ער וועט שוין מער ניט חָרוּב ווערין אונ דאס פייער פון דיא קָרְבָּנוֹת וועט אויף איהם תָּמִיד בְּרֶענֶען (לא תכבה) עס וועט שוין קיינמאל ניט ווערין אָפְּגֶעלָאשִׁין פון איהם ער וועט שוין ניט חָרוּב ווערין. מיר זָאלִין דאס זוֹכֶה זַיין בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן: (ז) (וזאת תורת המנחה) אונ דאס איז דער דין פון דיא מִנְחָה, ווען דוא מענטש ווילסט מַקְרִיב זַיין צו גאט אַגִישַׁאנְק. (הקרב אתה בני אהרן לפני ה׳) זָאלְסְטוּ זיצען תָּמִיד אונ לערנען פַאר דיא תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, וואס ווערין גירופין בְּנֵי אַהֲרֹן, אונ דורך דעם וועסטו מאכין גינעהענען דיין נְשָׁמָה פַאר גאט (אל פני המזבח) אויף דעם מִזְבֵּחַ שֶׁל מַעְלָה, אַזוֹי ווי פְרִיעֶר שְׁטֵייט שוין פיל מאהל: (ח) (והרים ממנו בקמצו). נאר דער מענטש בַּדַארְף זעהן פון זיך אָפְּשֶׁעדִין דיא שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת אונ תַּאֲווֹת (בקמצו) אונ אויך זָאל ער זעהן געבין צְדָקָה מיט זַיין פויסט צו די אָרִימֶע לַייט. אונ זָאל ניט געבין דעם אָרִימַאן אַיין פַארְדַארְט שְׁטִיקִיל בְּרוֹיט. נאר ער זָאל איהם געבין (מסלת) פון די פֵיינְסְטֶע מעהל (המנחה) וואס גאט שֶׁענְקְט עס דיר (ומשמנה) אונ פון איהר בוימאייל. (ואת כל הלבנה) אונ דעם גאנְצִין ווייראך דאס מֵיינְט מען ער זָאל מיט דעם אָרִימַאן רעדין נוטֶע רֵייד וואס דאס זָאל איהם שְׁמֶעקִין גְלַייך וויא ווייראך. (אשר על המנחה) וואס דיא גוטע רייד זענין בייא דעם אָרִימַאן נאך זִיסֶער אונ גישמאקער וויא דיא גישאנק זעלבסט וואס ער גיט איהם. (והקטיר המזבח ריח ניחח) וועט ער דאס מַקְרִיב זַיין אויף דעם מִזְבֵּחַ שֶׁל מַעְלָה פַאר אַנְגֶענֶעמִין גישמאק. (אזכרתה לה׳) איהר אָנְדֶערְקוּנְג פון דיא צְדָקָה וועט אָנְקוּמֶען צו גאט

והנותרת

(ט) והנותרת וגו' אונ דער מענטש זאל ניט זארגין אונ זאגין ווען איך וועל אוועק געבין צדקה צום ארימאן, וואס וועל איך האבין פאר זיך אונ פאר מיינע קינדער. זאגט דער פסוק (והנותרת ממנה) אונ דאס וואס עס וועט דיר איבער בלייבען נאך דעם ווען דוא האסט אוועק גיגעבין צדקה (יאכלו אהרן ובניו) וועט דיר גאט אריין שיקען אין דעם דיא ברכה דאס דוא וועסט האבין גינוג צו עסין מיט דיינע קינדער. אונ איבער דעם רופט איהם דער פסוק מיט דעם נאמן אהרן. אזוי וויא אהרן הכהן איז מקריב דעם קרבן אזוי דער מענטש איז מקריב דיא צדקה. (מצות) אונגעזייערט ווען דאס געבונג פון דיא צדקה וועט זיין אונגעזייערט כלומר ער וועט זיך ניט האלטין בגאוה אויף דעם ארימאן ער וועט זיך ניט הויבין העכיר פון איהם אזוי ווי די זויערטייג הייבט זיך אין די הויך. נאר ער וועט זיך האלטין גלייך מיט דעם ארומאן דאמאלס וועט זיין (תאכל במקום קדש) אז דעם עיקר שכר וועט ער עסין בעולם הבא וואס דארט איז דאס היילינע ארט. (בחצר אהל מועד יאכלוה) אין אויף דיא וועלט וואס זיא איז דער הויף פון עולם הבא וועט ער אויך פון דעם זכות האבין פרנסה:

(י) (לא תאפה חמץ) דיא מצוה פון צדקה זאל ניט ווערין געבאקין געזייערט כלומר ער זאל זיך ניט פארזאמען צו געבין גיך. אויך זאל ער זיך ניט גרעסין איבער דעם ארימאן. ווארום ווען דער רייכער וועט זיך בערעכינען מיט דעם שכל וועט ער זעהן אז ער גיט גאר ניט פון זיין פארמעג צום ארימאן. נאר (חלקם) זייער טייל. עס איז דעם ארימאנס טייל. אונ דוא גיבסט איהם זיין אייגנס. ווארום (נתתי אתה) איך האב דאס גיגעבין צו דיר (מאשי) פון מיינע פייער. כלומר פון מיין השפעה וואס איך בין משפיע צו דיא מענטשין. האב איך זיין חלק צו דיר גיגעבין דוא זאלסט איהם אפגעבין זיין חלק. ווארום דוא בדארפסט פארשטיין אזוי ווי איך גיב דיר וואס דוא בדארפסט ווייל דוא ביסט מיין בריאה. אזוי איז דאך דער ארומאן אויך מיין בריאה, שיק איך מן הסתם איהם אויך וואס ער בדארף; נאר איך וויל דיר טובה זיין מיט אמצוה. מאך איך דיר פאר אשליח דוא זאלסט עס איהם געבין (קדש קדשים הוא) דאס איז זייער היילינ (כחטאת וכאשם) אזוי ווי אקרבן חטאת אדער אקרבן אשם טאר מען פון זיי ניט הנאה האבין (פון דעם וואס גיהער צו גאט) אונ ווען מען האט יוא פון דעם הנאה איז מען מועל. אזוי אויך ווען דוא האלסט איין ביא דיר דיא צדקה וואס דאס איז דעם ארומאנס חלק ווערסטו מחויב אקרבן מעילה. איבער דעם בדארף דער רייכער מענטש זעהן ווען דער ארימאן קומט צו איהם בעטין צדקה זאל ער זיך אויף איהם ניט בעזערין נאר ער זאל איהם געבין זיין חלק צדקה מיט זיין גוטען ווילען, אונ זאל איהם נאך איבער בעטין פאר וואס ער גיט איהם ניט מער. וועט עס אויף איהם זיין אזכות בעולם הזה גאט ברוך הוא וועט איהם שיקען זיין ברכה אונ איהם פארמערין זיין פרנסה. אונ דעם עיקר שכר וועט ער נעמין בעולם הבא וואס ער האט גטוען זיינע שליחות: (כא) וכלי חרש וגו' דער ס' עיר גבורים טייטשט עפ"י רמז אזוי, (וכלי חרש) דאס מיינט מען דעם גוף פון מענטש וואס ער איז גלייך צו איין ערדינע כלי (אשר תבשל בו). ווען עס ווערט אין דעם גוף געקאכט. דאס מיינט מען ער טוהט שלעכטע זאכן. (אזוי וויא דיא גמרא (סוטה י"א) זאגט אויף דעם פסוק (שמות י"ח י"א) (כי בדבר אשר זדו עליהם) איז דער טייטש אזוי (בקדירה אשר בשלו בה נתבשלו) אין דעם טאפ וואס דיא מצריים האבין געקאכט פון וועגין דיא יודין דאס מיינט מען דאס וואס זייא האבן גוזר גיוועזן אויף זיי שלעכטס. זענין זייא

אליין

אליין געקאכט געווארען . עס איז אויף זיי אליין געקומען דאס שלעכטס . ווען מיר אז שלעכטע מעשים ווערט גרופין עס ווערט געקאכט (ושבר) בדארף דער מענטש ווען זיך דכ הארץ צו ברעכין פון די שלעכטע מעשים אונ זאל האבן חרטה אונ האלטין זיך ועהר נידעריג. (ואם בכלי נחשת בשלה) אונ ווען דער גוף ווירד שוין אזוי שלעכט אז ער איז גלייך צו אקופערנע כלי כלומר ער איז געווארין הארט ער וויל ניט הערין קיין שטראף רייד . דאמאלט ווען ער נעמט זיך דער נאך צו טאן תשובה בדארף ער שוין מער ארבייטין אז (ומרק) ער זאל פון זיך אויסרייבען דאס שלעכטס (ושטף במים) ער זאל זיך אפוואשין מיט וואסער כלומר ער זאל פארגיסין פיל טרערין פון תשובה . אדער (במים) מיינט מען די תורה ער זאל זיך נעמען צו לימוד התורה וועט איהם ווערין פארגעבין .

ז (טו) ובשר וגו' דער נחל קדומים טייטשט אזוי עפ"י רמז . (ובשר) אונ דאס פלייש כלומר

דער מענטש (זבח) וואס ער שעכט דעם יצר הרע . ער איז זיך אויף איהם מתגבר אונ הערט איהם ניט אויף ווייטער . (תודת) אונ ער איז זיך מתודה מיט גרויס תשובה אונ חרטה אויף די פריערדיגע עבירות . (ושלמיו) אונ נעמט זיך צו ווערין פול מיט גאנצקייט צו השי"ת . איז איהם דער פסוק מבטיח (ביום קרבנו) אין דעם זעלבין טאג וואס ער איז זיך מקריב צו גאט (יאכל) ווערט פארצערט אונ פאר ברענט די עבירות . (לא יניח ממנו עד בקר) גאט וועט ניט איבער לאזין פון זיי אויף צו פרי מארגין , נאר ער וועט איהם אויף אלעם מכפר זיין:

ח (לא) ויאמר משה אל אהרן (ואל בניו) עפ"י רמז טייטשט דער אור פני משה אזוי מיר

האבין שוין פיל מאהל אויבין געשריבען אז די תלמידי חכמים ווערין גירופין מיט דעם נאמען כהנים . זאגט משה צוא זייא (בשלו את הבשר) קאכט דאס פלייש דאס מיינט מען איהר זאלט לערנען די תורה . וואס זיא ווערט גירופין בשר אזוי וויא פלייש גיט צום מענשין קרעפטין בעולם הזה . אזוי גיט די תורה קרעפטין צום מענטשין פון עולם הבא וועגין . (פתח אהל מעד) אין טיר פון אהל מועד דאס איז די עולם הזה וואס זי איז די טיר פון עולם הבא . אונ קיין שכר זאלט איהר דא אויף דיא וועלט ניט פארלאנגען פון גאט . נאר ושם תאכלו אתו דארטין בעולם הבא וועט איהר עסין אייער שכר . אזוי וויא די גמרא זאגט (צדיקים יושבים ועטורותיהם בראשיהם) די צדיקים זיצין בעולם הבא אין גן עדן . אונ זייערע קרוינען וואס זיי האבין פון די תורה וואס זיי האבין גילערינט אונ פון די מצות וואס זיי האבין גיטאן איז אויף זייערע קעפ (ונהנין מזיו השכינה) אונ האבין פארגעניגען פון לויטערקייט פון די שכינה הקדושה . אונ אזוי וויא די גמרא זאגט אויך : היום לעשותם היינט בעולם הזה ווען דער מענטש לעבט דארף ער נאר טאן מצות ומעשים טובים גמילות חסדים איינער מיט דעם אנדערין , סיי מיט דעם גוף ער זאל איהם העלפין מיט וואס ער קען , סיי מיט געלד ער זאל איהם געבין צדקה . אדער בארגין ומחר לקבל שכרם אונ מארגין נאך דעם מענטשינס טויט וועט ער נעמען פאר דעם זיין שכר בעולם הבא . גאט וויל ניט געבין צו די צדיקים זייער שכר אויף דיא וועלט . ווארום דיא וועלט מיט אירע אלע זאכין מיט אלע תענוגים איז אעולם עובר עס גייט אלין אוועק . פון דיא אלע תענוגים בלייבט גאר נישט ער וויל אלי בעסער געבין זייער שכר בעולם הבא וואס זיא איז אעולם הנצחיי איין אייביגע וועלט . אונ אירע תענוגים זיינען די בעסטע אונ זיינען שטענדיגע פארגעניגענס זאגט ווייטער משה צו דיא תלמידי חכמים ואת

הרהם

הלחם אשר בסל) און דאס ברויט וואס עס איז אין קארב. דאס מיינט מען דיא תורה וואס זיא איינגעהילט אין אמלבוש פון סיפורי מעשיות עס ווערט אין איהר דער ציילט פיל מעשיות פון פארצייטיגע מענטשין זאל מען ניט זאגין אז דיא תורה איז נאר פראסטע מעשיות וויא עס שטייט. ניין, עס איז דא פיל סודות אין יעדער ווארט. נאר עס איז פארוויקעלט מיט אזעלכע ווערטער פון דעם סיפור וואס עס שטייט אין דעם פסוק, איז דאס גלייך וויא דאס ברויט ליגט אין קארב. ווען אויך אויסעגוועיניג זעהט מען מער ניט נאר דאס האלץ פון קארב אבער אינוועניג איז דא דאס פיינע ברויט. אזוי אויך דיא ווערטער פון דיא תורה הקדושה זענין (המלאים) פול מיט סודות (כאשר צויתי לאמר) אסך סודות פון איהר בין איך בפוילין געווארין צו זאגין אויסעגוועייניג דאס איז דיא תורה שבעל פה. און (אהרן ובניו יאכלהו) יעדער תלמיד חכם זאל זיך מאטערין וועט ער אליין זוכה זיין צו דערגיין דיא איבריגע סודות. און נאך קען מען טייטשען אזוי. (בשלו את הבשר) איהר תלמידי חכמים זאלט תמיד לאזין קאכין דאס פלייש. אבער ניט עסין. (פתח אהל מועד) און איהר זאלט תמיד זיצען אין טיר פון אהל מועד. איר זאלט זיך נאר פארנעמין מיט דיא תורה הקדושה. ניט זיך צו פארנעמין מיט תענוגי עולם הזה. (ושם) און דארט בעולם הבא (תאכלו אתו) וועט איהר עסין דאס גאנצע פלייש, כלומר דעם שכר וואס איהר האט זיך איינגעהאלטין און ניט נאכגעגעבין זיך דיא תאוות עולם הזה וועט איהר דארט בעולם הבא נעמין. (ואת הלחם אשר בסל) און אפילו דאס ברויט וואס איהר האט גיגעסין און אריין גילעגט אין קארב אריין דאס איז דער בויך. (המלאים) וועט איהר פאר דעם אויך ווערין דערפילט מיט פיל שכר, ווארום אז מען עסט מיט דיא כוונה צו האבין כח צום לערנין נעמט מען פאר דעם עסין אויך שכר (כאשר צויתי לאמר) אזוי וויא איך בין גיווארען בפוילין צו זאגין. (אהרן ובניו יאכלהו) דיא תלמידי חכמים בדארפין זיך ניט פייניגען זיי זאלין גאר ניט עסין, נאר אדרבא עס איז אמצוה צו עסין און צו טרינקען פון וועגין צו האבין כח צו ארבייטין אין די תורה ומצות: (לב) (והנותר בבשר ובלחם) אבער איבריגעס צו עסין. תאוות זיך נאכגעבין (באש תשרפו) זאלט איהר פארברענין דורך דעם ברעניגקייט פון חשקות התורה ווארום ביידע צו זאמען קען ניט זיין. אזוי ווי דער הייליגער ס' חובת הלבבות שרייבט. אזוי וויא עס איז ניט מעגליך אריין צו טוען אין איין כלי פייער מיט וואסער און זאלין ביידע בלייבין. אזוי קען זיך ניט אויסמישין די תורה מיט איבריגע תאוות: (לג) ומפתח וגו' זאגט ווייטער דער פסוק אין דעם זכות וואס זייא וועלין לערנין די תורה בין איך מבטיח אז (ומפתח אהל מועד) פון עולם הזה (לא תצאו שבעת ימים) וועט איהר ניט ארויס גיין ביז עס וועט זיך קאנטשין דיא זיבע טעג דאס מיינט מען דיא זיבציג יאהר וואס דער מענש בדארף צו לעבין אויף דיא וועלט. ער וועט ניט שטארבין פאר דיא צייט. (עד יום מלאת) ביז עס וועט ווערין דערפילט (ימי מלאיכם) אייערע דערפילטע טעג. ווארום ווען דער מענטש לערינט ניט חלילה און טוהט ניט קיין מצות אין דעם טאג וואס ער לעבט. איז דער טאג ניט קיין פילער טאג. ער איז נאר מיט חסרונות. ווארום יעדער שעה יעדערע רגע וואס ער טוהט ניט אין איהר פון וועגין עבודת הבורא גייט דאך אוועק דיא שעה און דיא רגע מיט גאר נישט. אבער ווען ער טוהט נאר אין עבודות איז דער טאג אפולער טאג. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק (משלי ג' ב') (כי ארך ימים ושנות חיים)

דיא

דיא תורה וועט דיר געבין דוא זאלסט לעבין לעבעדיגע יאהרין אונ לאנגע טעג
עס זאל ניט אוועק גיין קיין איין רגע וואס עס זאל ניט הייסין אלעבעדיגע רגע דוא
האסט אין איהר גיטוען. ווארום דער עיקר בריאה פון טאג איז נאר צו לערנין אין
איהם. אונ צו טוען מצות ומעשים טובים. אונ ווען מען טוהט ניט אין גאנצין טאג
נאר עטליכע שעה ווערט דער טאג גרופין אקורצער טאג פון עטליכע שעה. אבער
ווען ער איז ניט מבטל קיין צייט איז דער טאג אלאנגער טאג פול מיט אלע זיינע
רגעים. (כי שבעת ימים ימלא את ידכם) אונ אין דיא זיבעציג יאהר טוהט גאט ערפילן
אייערע הענד. כלומר ער האט אייך מזכה גיוועזן תורה אונ מצות פון וועגין דעם ווען
איהר וועט קומען נאך דיא זיבציג יאהר צוריק לעולם הבא זאלט איהר קומען מיט
פולע הענד פון תורה אונ מצות וועט איהר פאר דעם נעמין פול שכר:

# פרשת שמיני

ט (א) ויהי וגו' ע"פ רמז קען מען אזוי טייטשען. דער מדרש זאגט אז דאסווארט
ויהי איז דער טייטש עס איז וויי. ווארום דאס ווארט ויהי איז גלייך ווי צוויי
ווערטער וי־הי. אונ ווי איז דער טייטש וויי. אונ הי איז דער טייטש קלאג. אונ דיא
יאהרין פון מענטשינס לעבין איז גיווענטליך זיבציג יאר. אונ מיר האבין געשריבען
וויא פיל מאל אז דער יצר טוב ווערט גירופין מיט דעם נאמין משה. ווייל דאס ווארט
משה איז דער טייטש ארויס ציען. אונ דער יצר טוב וויל דעם מענטש מאכין ער
זאל זיך ארויסציען פון דיא נעץ פון יצר הרע. אונ דורך דעם וועט ער זיך ארויסציען
פון גיהנם. איבער דעם בדארף זיך דער מענטש תיכף אין דיא יונגע יאהרין נעמין
צו הארכען נאר צו דעם יצר טוב. אבער דער מענטש וואס ער נעמט זיך חלילה
אין די יונגע יאהרין נאר צו הארכען דעם יצר הרע. אונ אויף דיא עלטער ווען ער
דערמאנט זיך אז ער וועט בדארפין אוועק גיהן פון עולם הזה אונ וועט דארפין אפ
געבין דין וחשבון צום בורא יתברך. דאמאלס וויל ער זיך יעצט נעמין צו טוען
תשובה אונ צו הארכין צום יצר טוב. דאמאלס איז שוין אבער זעהר שלעכט. ווייל
דער יצר הרע איז שוין איבער איהם אגאנצער בעל הבית ער האט איבער איהם צו
שאפין. איז שוין דעם מענטש זעהר שווער ער זאל זיך קענין פון איהם אפרייסין
אונ איינהארכין צום קול פון יצר טוב וואס ער רופט איהם צו זיך. דאס איז דער
רמז אין דעם פסוק (ויהי) וי־הי עס איז וויי אז (ביום השמיני) אום אכטען טאג.
כלומר ווען דער מענטש האלט שוין נאך דיא זיבעציג יאהר וואס דאס איז זיבן טאג.
אונ עס הייבט שוין זיך אן ביי איהם דער אכטער טאג דיא אכטע צעהן יאהר. ווען
דאמאלס (קרא משה) הערט יעצט זיך איין דער מענטש צום קול פון יצר טוב וואס
ער רופט איהם אונ זאגט איהם (לאהרן) ער זאל זעהן תשובה צו טוען אונ צו טוען
מעשים טובים ער זאל זיין גלייך צו אהרן הכהן (ולבניו) אונ צו זיינע קינדער. (ולזקני)
קען אויך דו ביסט שוין אין דיא עלטערע יאהרין. פון דעסט וועגין (ישראל) קענסטו
נאך זיין איוד מיט אלע זאכען וואס איוד בדארף צו זיין. זאגט דער פסוק ווען אויך
דיא תשובה וואס דער מענטש טוהט אויף דיא עלטער איז אויך גוט. אבער דאמאלס
איז עס ניט קיין גוטע תשובה. אונ אויך קומט עס אן צום מענטש זעהר שווער.
אונ עס ווירד איהם זעהר וויי אונ ביטער ווען ער זעהט שוין אז דער חלף ליגט איהם

אויף

אויף דעם האלו. און ער וואלט וועלין עפיס טוען מעשים טובים. ברעכינט ער זיך אבער אז ער האט שוין ניט לאנג צו לעבין. ווען האט ער שוין עפיס צייט צו טוען. איבער דעם בדארף זיך דער מענטש תיכף אין דיא יונגע יאהרין צוא הארכין נאר צום קול פון יצר טוב און גאר ניט נאכגעבין נאך דעם יצר הרע וועט איהם גוט זיין בעולם הזה ובעולם הבא: (ו) (ויאמר משה) און משה זאגט (זה הדבר אשר צוה ה׳ תעשו) דיא דאזיגע רייד וואס גאט האט בפוילין זאלט איהר טוען. איז קשה וועלכעם מיינט ער זיי זאלין יעצט טוען, דאס ברענגיכץ פון דיא קרבנות שטייט שוין פריער אין פסוק ה׳ אז זיי האבין שוין אלץ גענומען און גיברענגט פאר דעם אהל מועד? וואס נאך זאלין זיי טוען? ענטפערט דער ס׳ זכרון זאת אזוי. דער אלשיך הקדוש טייטשט דעם פסוק (שמות כ״ה ח׳) (ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם) זיי זאלין מאכין צו מיר א בית המקדש וועל איך גאט מאכין רוען מיין געטליכקייט אין זיי זעלבסט. אין זייערע נופים. איבער דעם האבין דיא ישראל אלץ געגלויבט עס זאל ווערין גיך געבויעט דער בית המקדש פון וועגין עס זאל אין זיי רוען דיא שכינה. דאס זאגט צו זיי משה איהר בדארפט ניט נאר האפין אז נאר דורך דעם וועט אויף אייך רוהען דיא שכינה. גיין נאר (זה הדבר אשר צוה ה׳ תעשו) ווען איהר וועט נאר טוען דיא רייד וואס גאט האט בפוילין אין דיא תורה הקדושה, איהר וועט מקיים זיין דיא מצות פון דיא תורה הקדושה (וירא אליכם כבוד ה׳) וועט איהר אויך זוכה זיין משיג צו זיין געטליכקייט. און נאך קען מען זאגען. דיא גמרא זאגט (משביעין את התינוק ואומרים לו הוי צדיק) ווען דאס קינד איז נאך אין דיא מוטערס בויך בשווערט מען עס אז ער זאל זיין א צדיק. דאס איז דער רמז אין דעם פסוק (זה הדבר) דאס איז דיא רייד (אשר צוה ה׳) וואס גאט האט בפוילין. היינו צו זיין א צדיק (תעשו) זאלט איהר טוען, וועט איהר זוכה זיין (וירא אליכם כבוד ה׳) אז עס זאל ווערין געוויזען צו אייך דיא עהרע פון גאט. עס וועט אייך נתגלה ווערין דיא סודות פון דיא תורה הקדושה. און נאך איז דיא כוונה (זה הדבר אשר צוה ה׳) דיא רעדע פון דיא תורה וואס גאט האט בפוילין זאלט איהר ניט מיינען אז איהר וועט יוצא זיין מיט דעם וואס איהר נעמט דאס אין גדאנק אריין. און ברעכינט עס מיט דאס הארץ אבער טוען ניט. אזוי טויג נישט. נאר (תעשו) איר מוזט טוען אויך, מען בדארף ביידע. מען בדארף צו טוען. צו לייגען תפלין, און גיין אין ציצית, און בלאזין שופר, און נאך וועלכע זאכען. און מען בדארף אויך צו בקלערין דיא כוונה פון דעם וואס דיא תורה מיינט מיט דעם: (ח) ויאמר משה אל אהרן קרב אל המזבח וגו׳. שרייבט רש״י פון דיא תוספתא (שהי׳ אהרן בוש וירא לגשת) אהרן האט זיך גישעמט און האט מורא גיהאט צו גינעהענען צום מזבח. (אמר לו משה) זאגט צו איהם משה (למה אתה בוש) וואס שעמסטו זיך (לכך נבחרת) צו דעם ביזטו געווארין אויסגעקליבען. דארף מען עס פארשטיין פאר וואס האט אהרן זיך גישעמט. און וואס זאגט איהם משה. קען מען אזוי זאגין ווארום דיא גמרא זאגט (אין מבנין פרנס על הציבור) מען נעמט ניט אויף קיין פרנס (דער פיהרער פון קהל) אויף א קהל (אלא א״כ קופה של שרצים תלוי לו מאחוריו) נאר ווען א קארב פון שרצים הייננט איהם נאך פון הינטען. כלומר ווען עס איז דא אויף איהם עפיס שענדליכקייט צו רעדין. ווארום ווען ער איז נאר א בעל מעלות עס איז אויף איהם גיטא וואס צו רעדין. קען זיין ער וועט זיך האלטין בגאוה. אבער ווען עס איז אויף איהם דא איין שאנד. ווען ער וועט זיך

האלטין

האלטין בגאוה וועט מען איהם דערמאנען די זאך וועט ער זיך שוין ניט קענין האלטין בגאוה. איז דאך קשה וועגין וואס זאגט דיא גמרא. אקארב פון שרצים. פאר וואס זאגט ניט דיא גמרא (אלא א"כ שרצים רצים אחריו) או שרצים לויפין איהם נאך. גאר מען קען דאס אזוי פארענטפערין. וואָרום דיא גמרא זאגט (במקום שבעלי תשובה עומדים) אויף דעם ארט בעולם הבא וואס דיא בעלי תשובה האבין אויבה דארט צו שטיין (צדיקים גמורים אינם יכולים לעמוד) קענין דארט גרויסע צדיקים ניט שטיין. אונ פאר וואס איז עס אזוי. שרייבין ספרים. וואָרום ווען דער מענטש טוהט תשובה מיט זיין גאנצין הארץ פון גרוים ליבשאפט צו גאט וואס ער ברענגט זיך או אנטקעגין אזוי אליבען גאט האט ער געזינדיגט. אונ ער האט פיל חרטה. דאמאלט ווערט פון זיינע זינד וואס ער האט פריער געזינדיגט, צו זכיות. אונ חוץ דיא זכיות האט ער נאך דעם זכות פון דיא מצוה פון תשובה, וואס דאס האבין ניט דיא צדיקים, וואָרום זיי זינדיגען ניט. האבין זיי ניט אויף וואס תשובה צו טוען. איבער דעם איז דער בעל תשובה גרעסער פון א צדיק. וואָרום דעם צדיק פעלט דער זכות פון דיא מצוה פון דיא תשובה. מיט דעם קען מען זאגין דיא כוונה פון דעם וואס דיא גמרא זאגט. (קופה של שרצים) אקארב פון שרצים. ווען מען נעמט אויף א פרנס אויף דעם קהל בדארף מען זעהן או דער פרנס זאל זיין א בעל תשובה אויף זיינע פריערדיגע מעשים, קיין גוטע פיהרונג וואס דאס איז גלייך צו שרצים. אונ יעצט ווען ער האט תשובה גיטוען זענין דאך שוין דיא שרצים (וואס דאס מיינט מען דיא זינד) ביי איהם ניטא, ער האט זיי שוין פון דעם קארב אוים געשיט. עס בלייבט ביי איהם נאר דער קארב, כלומר איין צייכין פון דיא עבירות, היינו ביא מענטשין ווערט גערעדנקט זיינע עבירות, דאס מיינט דיא גמרא מיט דיא ווערטער (קופה של שרצים) אקארב פון שרצים, א צייכין פון עבירות. אבער קיין עבירות האט ער שוין נישט. אונ ווען ער איז א בעל תשובה איז דאך פון זיינע פריערדיגע עבירות גיווארען זכיות, קען ער מגין זיין אויף דעם קהל. אונ ווען ער וועט זיך האלטין בגאוה וועט מען איהם קענין זאגין דערמאן דיר אין דיין קארב. אונ אהרן געפונען מיר או ער האט געזינדיגט מיט דעם וואס ער האט גימאכט דאס עגל, נאר עס איז גיוועזן בשוגג אומגעריך. אונ אויך האט ער געזינדיגט מיט דעם וואס ער האט גירעדט (פרקו נזמי הזהב) זייא זאלין אפטוען פון זיך דיא גילדינע אוירינגלעך. וואָרום ווען ער האט זיי דאס געזאגט האבין זייא גירעכינט מען מעג עס מאכין. אונ אויף דיא ביידע זאכין האט אהרן גיטוען תשובה. אויף דעם וואס ער האט מקלקל גיוועזן מיט דעם טוען פון עגל. האט ער מתקן גיוועזן ער האט גיברענגט איין עגל פאר א קרבן חטאת. אונ אויף דעם וואס ער האט גירעדט ביים עגל. אונ עס איז דא א ראיה או איבער דעם זענין זיינע קינדער גישטארבין. האט ער מתקן גיוועזן מיט דעם וואס יעצט האט ער געשוויגען. אונ האט גאר ניט גירעדט אויף זייער שטארבען. נמצא איז דאך אהרן גיוועזן א בעל תשובה. נאר פון דעסט וועגין האט ער זיך גישעמט צו גיין צום מזבח ווייל ער האט זיך דערמאנט אין דיא ביידע זינד. זאגט אבער משה צו איהם (למה אתה בוש) וואָרום שעמסטו זיך וועגין דיינע עבירות. דוא האסט דאך שוין גיטוען תשובה איז דאך פון דעם גיווארין זכיות. אונ אויך האט עס געמוזט אזוי זיין. דוא האסט געמוזט פריער זינדיגען פון וועגין דוא זאלסט זיך ניט האלטין בגאוה. דאס מיינט ער מיט דיא ווערטער (כי לכך) דריבער ווייל דוא האסט געזינדיגט אונ האסט תשובה גיטוען

גבהרת

(נבחרת) ביסט דוא אויסגעקליבן געווארין צו זיין דער פרנס . דער כהן גדול :
י (ג) (ויאמר משה אל אהרן) דער ס׳ נחל קדומים טייטשט אזוי . משה זאגט צו אהרן
(הוא) דאס וואס דיינע צוויי קינדער זענען געשטארבן (אשר דבר ה׳ לאמר) מיט
דעם רעד גאט אונז צו זאגן (בקרבי) אז ביא די צדיקים וואס זענען נאהונט ביא מיר
(אקדש) בדארף איך ביי זיי זיין זעהר היילינ (ועל פני כל העם אכבד) אונ ביא די
צדיקים וואס זיי זענען דער פני פון פאלק כלומר דיא חשובה (אכבד) בדארף איך זיין
פול געאכט . אונ וויל דיינע קינדער זענען דאך גיוועזן גרויסע צדיקים האבין זייא
בדארפט שטארק נזהר צו זיין אין מיין היילינקייט מער וויא אנדערע מענטשין . אונ זיי
זענען נים נזהר גיוועזן איבער דעם זענען זיי גשטארבן . (וידם אהרן) האט אהרן גשוויגן.
דיא מסורה גלייכט דאס ווארט (וידם אהרן) אהרן האט געשוויגן צו דעם וואס עס
שטייט (וידם השמש) דיא זון האט געשוויגן . איז דיא כוונה אזוי . דער זהר (פ׳
ויקהל) זאגט אז ווען השי״ת האט בשאפין דיא זון האט ער מיט איהר אויסגירעדט אז
ווען יהושע וועט אויף איהר בפוילין זיא זאל ווערין שטיל פון צו שיינען , זאל זיא
שטיל ווערין . אונ דאס איז ידוע . אז ווען עס טרעפט דעם מענטש זעהר פיל צרות,
קען ער פון פול צער גאר נים רעדין אונ נים וויינען . אונ דא ווען עס האט צו אהרן
געטראפין פלוטצלינג דאס זיינע צוויי קינדער זענען מיט אמאהל געשטארבין . אונ עס
שטייט (וידם אהרן) אהרן האט גישוויגן , וואלט מען גיקענט מיינען אז דאס וואס
ער האט געשוויגן איז גיוועזן פון גרוים צער, זאגט אונז דיא מסורה, אזוי וויא דארט
ווען דיא זין איז שטול געבליבען איז גיוועזן מיט שמחה צו ערפילען גאטס ווילין
וואס ער האט מיט איהר פריער גירעד. איז דאך דאס נים גיוועזן קיין פליצלונגע זאך.
אזוי דאס שווייגין פון אהרן איז אויך נים גיוועזן ווייל עס איז גישעהן פליצלונג נאר
ווייל ער האט געוויסט אז וואס גאט טוהט איז גוט . דער מדרש זאגט אויף דיא
ווערטער (וידם אהרן) אונ אהרן האט געשוויגען . פרעגט דער מדרש (מה הי׳ לו לומר)
וואס האט ער דען בדארפט צו זאגין ? (הי׳ לו לומר) ער האט בדארפט צו זאגין (וביום
השמיני ימול בשר ערלתו) אין דעם אכטען טאג זאל מען אבשניידין דאס פאר
שטאפונג . מען זאל דאס קינד מל זיין . איז דאך דער מדרש זעהר שווער צו
פארשטיין, קען מען אזוי זאגין . דיא גמרא זאגט (מפני מה ניתנה מילה בשמיני) פאר
וואס האט גאט גיהייסין מען זאל דאס קינד מל זיין אום אכטין טאג . פאר וואס נים
אום זיבענטין טאג . מיר געפונען דאך פיל זאכין איז גאר אום זיבענטין (כדי שלא
יהיו הכל שמחים ואביו ואמו עצבים) דאס איז ווייל עס שטייט אין פסוק (וטמאה
שבעת ימים) דיא מוטער פון קינד זאל זיין אונריין זיבען טעג. אונ ווען מען וועט
דעם זיבענטין טאג מל זיין . וועלין דיא מענטשין וואס ווערין גירופין אויף דעם ברית
מילה זיין פרייליך . אונ דיא פאטער אונ מוטער וועלין זיין טרויעריג ווייל זיא איז
אונריין . איבער דעם האט השי״ת גיהייסין ווארטין אויף דעם אכטין טאג מל צו זיין .
פון וועגין זיא זאל שוין זיין ריין פון דעם זיבענטין טאג אן . (ווארום מיט דעם דיז פון
דיא תורה ווערט זיא ריין באלד פון זיבען טאג . נאר דיא חכמים האבין גוזר גיוועזן
אויף מער) וועלין שוין דיא עלטערין אויך זיין פרייליך. אונ אין פסוק (שמות כ״ד י״א)
שטייט (ואל אצילי בני ישראל לא שלח ידו) (ויחזו את האלהים ויאכלו וישתו) אונ צו
דיא גרויסע לייט פון דיא ישראל האט גאט נים גישטרעקט זיין האנד צו שטראפין
זייא אויף דעם וואס זיי האבין גיגעסין אונ געטרינקען אונ האבין זיך איינגעזעהן אין
כבוד

כבוד פון גאט, אונ האבין ניט גיהאט קיין דרך ארץ אז ווען זיי זעהן די עהרע פון גאט זאלין זיי ניט עסין אונ טרינקען. האבין זיי דאך געדארפט גישטראפט ווערין. נאר השי"ת האט ניט גיוואלט פארשטערין די שמחה פון מתן תורה, ווארום ווען עס איז אשמחה בדארפין אלע זיין פריילך. אונ צווישן די גרויסע לייט איז אויך גיוועזן נדב אונ אביהוא האט גאט זיי אפגעווארט ביז חנוכת המשכן זענין זיי געשטארבען. פרעגין מפרשים די קשיא פאר וואס די שמחה פון קבלת התורה האט השי"ת ניט געוואלט פארשטערין מיט זייער טויט, אונ די שמחה פון חנוכת המשכן האט ער יוא פארשטערט דורך זייער טויט. ענטפערין זייא אזוי. ווייל זייא זענין אריין גיגאנגען אין בית המקדש אריין ווען זיי זענין גיוועזן שיכור. אונ האבין ניט גיהאט קיין דרך ארץ איזדורך דעם אויפגיוועקט גיווארין די פריערדיגע זינד, פון דעם עסין ווען זיי האבין גיזעהן די שכינה. אויך, אונ זענין גישטארבין. דאס איז די כוונה אין מדרש. (וידם אהרן) אונ אהרן האט געשוויגען אויף דעם וואס זיינע צוויי קינדער זענין גישטארבין. פרעגט דער מדרש (מה הי' לו לומר) וואס האט ער דען גיקענט זאגין? (הי' לו לומר) ער האט בדארפט צו זאגין (ביום השמיני ימול בשר ערלתו) עס שטייט דאך אין פסוק אז אום אכטין טאג זאל מען דאס קינד מל זיין. אונ פאר וואס ניט אום זיבענטין. פון וועגין ווען מען איז פריילך דארפין אלע זיין פריילך. האט דאך אהרן גיקענט זאגין צו השי"ת מיידאך אין אפראכטע שמחה דארפין אלע זיין פריילך מכל שכן ביי אזוי אגרויסע שמחה פון חנוכת המשכן דארפין דאך געווים אלע זיין פריילך. פאר וואס האסטו גאט מיר פארשטערט מיין שמחה. פון דעסט וועגין האט עס אהרן ניט גיזאגט. ווייל ער האט גוויסט דעם תירוץ פון די מפרשים. ווייל זיינע צווייא זין זענין אריין גיגאנגען אין בית המקדש אריין ווען זייא זענין גיוועזן אנגעטרונקען מיט וויין, אן דרך ארץ. איז דערוועקט גיווארין פריערדיגע זינד. אונ מיט דעם איז אויך רעכט וואס רש"י שרייבט פון די גמרא וועגין (קיבל שכר על שתיקתו) אז אהרן האט גענומען שכר פאר זיין שווייגין, (שנתייחד עמו הדיבור) ער האט זוכה גיוועזן עס איז צו איהם גיווארין אבגעזונדערט די רייד פון גאט. (שנאמרה לו לבדו פרשת שתויי יין) אז דאס וואס גאט פארזאגט ווייטער אין פסוק ט' אז ווען מען וויל אריין גיין אין אהל מועד זאל מען ניט טרינקען קיין וויין. שטייט דארט אין פסוק ח' (ויאמר ה' אל אהרן לאמר) גאט האט גיזאגט צו אהרן. איז דאך די קשיא פאר וואס נאר דעם דין האט גאט צו איהם גיזאגט. נאר מיט דעם וואס פריער שטייט איז דאס גאנץ רעכט. ווארום פאר וואס האט אהרן געשוויגין. ווייל ער האט געוואוסט אז דורך דעם וואס זיי זענין אריין גיגאנגען אין בית המקדש ווען זיי זענין געווען אנגעטרינקען מיט וויין איבער דעם איז דערוועקט גווארין די פריערדיגע זינד אונ זענין גשטארבין. איבער דעם האט איהם גאט באלד גיזאגט די פרשה פון דעם בפויל אז מען טאר ניט טרונקען וויין ווען מען וויל אריין גיין אין בית המקדש. איהם צו ווייזן אז ער האט רעכט מיט דעם וואס ער האט געשוויגען: (ז) ומפתח וגו' עפ"י רמז טייטשט דער אור פני משה אזוי. ספרים שרייבן אויף דעם פסוק (איוב ל"ג כ"ט) (פעמים שלוש עם גבר) אויב דער מענטש איז ניט מתקן אין זיין לעבין אלץ וואס ער בדארף מתקן זיין מוז ער נאך זיין טויט נאך אמאהל מגולגל ווערין בעו"לם הזה ביז ער איז אלץ מתקן. נמצא אז ווען ער שטארבט האט ער מורא טאמער וועט ער בדארפען נאך אמאל חלילה שטארבין. דאס איז דער רמז אין פסוק. (ומפתח אהל מועד) ווען

זוהר

איהר ווילט זיין פארזיכערט אז פון דיא טיר פון עולם הזה (לא תצאו) זאלט איהר ניט ארויס גיין ווען איהר וועט שטארבען. מיט דיא מורא (פן תמותו) טאמער וועט איהר בדארפין נאך אמאהל שטארבען. (כי) ווען (שמן משחת ה׳ עליכם) דער זאלב עהל פון גאט דאס איז דיא תורה. וועט זיין אויף אייך. וועט איהר נישט בדארפין מורא האבין. פירט אוים דער פסוק (ויעשו) ווען זיי וועלין אזוי טוען (כדבר משה) וועט זיין אזוי וויא משה רעד:

יא (ב) דברו וגו׳. דער שפתי דעת טייטשט אזוי. (דברו אל בני ישראל לאמר) איהר זאלט רעדין צו דיא יודין אונ זאלט זייא אזוי זאגין. (זאת החיה אשר תאכלו מכל הבהמה אשר על הארץ) דאס איז דיא חיה וואס איהר מעגט עסין פון אלע בהמות וואס זענין אויף די ערד. איז קשה. דער פסוק הייבט אן מיט חיה אונ פירט אוים מיט בהמה? נאר דיא זאך איז אזוי. ווארום דיא קשיא איז פאר וואס זאל עס דער מענטש מעגין נעמין הארגינען א בהמה אונ איהר עסין. נאר מיר האבין שוין אין סדרה ויקרא געשריבין פון ספרים צו ווען דער מענטש עסט דאס פלייש פון דיא בהמה אונ ער איז מכוון מיט דעם עסין ער זאל האבין כח צו לערנען דיא תורה אונ צו טוען מצות. איז ער מעלה די בהמה צו א העכירע מדרגה וויא זיא איז. גמצא איז נאך דאס פאר איהר א טובה. אונ אויף דיא ווערטער (זאת החיה) שרייבט רש״י הקדוש (לשון חיים) דאס ווארט החיה איז דער מיינונג לעבין. מיינט רש״י אזוי צו טייטשין דעם פסוק זאת החיה אשר תאכלו מכל הבהמה וגו׳ דאס וואס איהר וועט עסין פון דיא בהמה בדארפט איהר עסין מיט דיא כוונה איהר זאלט זיין לעבעדיג געזונד איהר זאלט האביז כח דיא תורה צו לערנען. ווארום ווען מען לערינט ניט דיא תורה אונ מען טוהט ניט קיין מצות. איז דאך דאס לעבין גלייך וויא געשטארבין. אבער ווען דער מענטש לערינט תורה אונ טוהט מצות ווערט ער גירופען א לעבעדיגער ווען אויך ער שטארבט. אונ פון וואס האט ער דעם כח צו לערנין. פון דיא פלייש פון דיא בהמה. איז ער דאך מעלה דיא בהמה דאס זיא זאל אויך זיין א לעבעדיגע ווען אויך זיא איז טויט: (ג) כל מפרסת וגו׳ דער ס׳ עיר גבורים טייטשט אזוי דעם פסוק ע״פ רמז. מיר געפונען אז דאס ווארט פרס איז דער טייטש בצאהלונג איז דער רמז אזוי. (כל) יעדער מענטש (מפרסת פרסה) בדארף זעהן צו טרעטין מיט זיינע פים נאר אין דיא וועגין פון דיא תורה אונ מצות וואס דורך דעם וועט ער נעמין שכר. (ושסעת שסע פרסות) אונ ער בדארף ניט פארלאנגען דעם גאנצין שכר בעולם הזה נאר ער זאל דעם שכר צו שפאלטין אויף צווייען אונ איינטיילען א ביסיל בעולם הזה אונ דאס איבריגעס לעולם הבא אונ דאס גרעסערע טייל זאל ער לאזין לעולם הבא. כלומר ער זאל ניט פיל נהנה זיין בעולם הזה וועט עס דאך איהם בלייבין לעולם הבא. דאס איז דיא כוונה (מעלת) ער בדארף העכירען (גרה) דעם חלק פון דיא נשמה וואס זיא ווערט גרופין גרה זיא איז איין פרעמדע. זיא איז גאר א הימעלס באשעפעניש ניט קיין ערדליכע. אונ איהר חלק איז בעולם הבא פון זיו השכינה. זאל ער איהר חלק מאכין העכער (בבהמה) אונ גרעסער אויף דעם חלק פון עולם הזה וואס דאס איז פאר דעם גוף וואס ער איז גלייך וויא דיא בהמה. (אתה תאכלו) דיא בהמה טוהט איהר אויף עסין אונ עס בלייבט אייך פון דעם גאר ניט. אזוי דער גוף וואס זיין גאנצע הנאה איז גאר פון תענוגי עולם הזה בלייבט אויך פון איהם גאר נים. ער ווערט דאך פארפוילט אין דיא ערד. בדארפסטו פאר איהם ניט אזוי פיל

צייט פארנוצין פון דיין הכנסה נאר לאז עס איבער פון וועגן דיא נשמה בעולם הבא: (לג) וכל כלי חרש וגו׳ דער אור פני משה טייטשט עיפ רמז אזוי. (וכל כלי חרש) אונ יעדער גוף וואס ער איז איין ערדענע כלי (אשר יפל) וואס עס וועט אריין פאלין (מהם) פון זייער ברומינג, פון דיא תאוות אונ תענוגים פון עולם הזה וואס דיא מענטשין ברומין תמיד נאך זיי (אל תוכו) אין איהם אריין אין גוף. ווען דער גוף נעמט זיך צו תאוות. (כל אשר בתוכו יטמא) דאמאלס וועט שוין אלעס אין איהם ווערין אונריין, זיינע אלע גידאנקען ווערין פאראונרייניגט. נאר זאגט דער פסוק (ואתו תשברו) ווען איהר וועט וועלין איהם דעם יצר הרע צו ברעכין: (לד) (מכל האכל) זאלט איהר זעהן אז אלע מיני מאכלים (אשר יאכל) וואס עס ווערט גיגעסין (אשר יבא עליו מים) ווען אויך עס קומט דורך איהם ארויס ער לערינט תורה וואס ווערט גירופין מים דורך דעם עסין האט ער כח צו לערנין, פון דעסט וועגין (יטמא) זאל עס ביי איהם זיין אונריין, אונ אאונרייניגע זאך ווען אויך דער מענטש בדארף עס, זעהט ער מן הסתם נאר פון דעם צו נעמין דאס וואס ער מוז נעמין, אונ קיין איבעריגעס ניש׳ט. אזוי זאל זיך דער מענטש אויך אפציהען פון איבעריגעס צו עסין. (וכל משקה וגו׳ יטמא) אונ אלע גיטראנקען זאל אויך ביי איהם זיין גירעכינט וויא אונריין, זאל ער פון דעם אויך ניט פיל נעמין נאר וויא פיל ער דארף נאר פון וועגין דאס לעבין צו דער האלטין:

# פרשת תזריע

(יב) (א) וידבר וגו׳ (ב) דבר וגו׳ אשה וגו׳ דער ס׳ רביד זהב טייטשט אזוי. ספרים שרייבין אז יעדערע זאך וואס זיא איז מקבל השפעה פון דיא אנדערע זאך ווערט זיא גירופען אשה. אונ דיא אנדערע זאך וואס גיט איהר דיא השפעה ווערט גערופין זכר. אונ דיא גמרא זאגט מצוה גוררת מצוה ווען דער מענטש טוהט איין מצוה ציעט עס איהם ער זאל טוען נאך א מצוה, אונ אזוי דיא אנדערע מצוה צו פיל מצות. איז דאך דיא קשיא בדארף דאך אויסקומען ווען ארשע טוהט איין מצוה בדארף ער שוין אויפהערין צו זיין ארשע. וואררום דיא מצוה ציעט איהם צו טוען נאך מצות? אונ מען זעהט דאך אז עס איז ניט אזוי. נאר דיא גמרא זאגט. אז צו דיא צדיקים באצאהלט מען ניט זייער שכר פאר זייערע מצות בעולם הזה, נאר עס ווערט באהאלטין לעולם הבא. אונ צו דיא רשעים ווען זייא טוען אמאהל אמצוה באצאלט מען זייא זייער שכר תיכף בעולם הזה. דאס קען מען פארשטיין מיט אמשל. ווען אגרויסער גביר האט בייא זיך פיל בעלי מלאכות וואס זייא טוען ביי איהם אגאנץ יאהר איז דער מנהג אז אלע טעג פארנאכט נאך דיא ארבייט קומען זיי צו איהם אונ גיבין איהם אפ רעכינונג וואס זיי האבין דעם טאג אפגעארבייט. אונ דער קאסירער פארשרייבט דאס אין בוך. אונ ווען עס קומט דיא צייט פון אויסצאהלין. למשל ווען עס קאנטשעט זיך אחודש רופט מען זיי אונ מען באצאהלט זיי ווי פיל עס קומט זיי. אונ ווען אבער אין דיא צייט האט ער בדארפט צו האבין איין בעל מלאכה ער זאל נאר בייא איהם ארבייטין איין טאג. האלט ער ניט זיין לוין ביז עס וועט זיך קאנטשען אחודש. נאר ווען ער ארבעט אפ גיט ער איהם זיין לוין. אזוי אויך דיא צדיקים אין דיער גאנצין לעבין הייסען זייא גאטס ארבייטער. זייא ארבייטין אין דיא תורה ומצות ומעשים טובים אין דיא גאנצע צייט פון זייער לעבין. נמצא קומט דאך זייא זייער

שכר נאך זייער לעבין ווען זייא געהן שוין אוועק פון דיא וועלט. זייא האבין שוין גיקאנטשיט זייער ארבייט, נאר מען גיט זיי אביסיל בעולם הזה אויך אויף קאנטע זיי זאלין האבין אויף פרנסה. אזוי ווי דיא גמרא זאגט (היום לעשותם) בעולם הזה בדארף מען צו טוען מצות ומעשים טובים ומחר לקבל שכרם, אונ בעולם הבא צו נעמין דעם שכר. אבער דיא רשעים זיי טוען נאר אמאהל אדבר טוב גיט מען זיי תיכף אפ זייער שכר, מיט דעם איז שוין רעכט וואס דיא גמרא זאגט מצוה גוררת מצוה. דער צדיק וואס ער טוהט אמצוה, טוהט ער זיא ניט אויף דעם תנאי צו נעמין שכר נמצא ווערט זיין מצוה פארשריבין אין בוך. אונ פון דיא מצוה ווערט דאך בשאפין אמלאך איז דער מלאך איהם מסייע צו טוען נאך מצות. אונ דאס מיינט אויך דיא גמרא (הבא לטהר מסייעין לו) דער צדיק וואס קומט זיך צו ריינינגין, כלומר ער נעמט זיך צו טוען מצות העלפט מען איהם, כלומר מען גיט איהם ניט תיכף זיין שכר בעולם הזה. פון וועגין אז דער מלאך זיינער וואס ער איז געווארין דורך דיא מצוה זאל שטיין אונ איהם מסייע זיין. אבער דער רשע ווען ער טוהט אמאהל אמצוה נעמט ער דאך תיכף אפ זיין שכר ווערט דאך דער מלאך בטל, האט ער שוין ניט ווער עס זאל איהם מסייע זיין צו טוען נאך מצות. אונ דאס איז דיא כוונה אין דיא גמרא (הבא לטמא פותחין לו) דער רשע וואס וויל זיך פאראונריינינגען נאך דעם ווען ער האט איין מצוה אפגעטוען עפינט מען איהם. כלומר ווען ער טוהט אמאל אמצוה עפינט מען איהם תיכף: אויף דיא קאסע איהם זיין שכר צו געבין ווערט דאך שוין זיין מלאך: בטל האט ער שוין ניט ווער עס זאל איהם מסייע זיין צו טוען נאך מצות. דאס איז דער: רמז אין דעם פסוק. (אשה) ווען דער מענטש איז גלייך ווייא איין אשה (כי תזריע) וואס ווען זיא טוהט אין זיך פארזייען זאמען. איז איהר כוונה (וילדה) אז זיא זאל געבארין איין קינד. אזוי טוהט ער אמצוה נאר פון וועגין צו נעמין שכר. זאגט דער פסוק (זכר) דער מענטש איז גלייך ווייא אזכר. אזוי ווייא אזכר האט איין ניט קיין קינדער. אזוי דיזער מענטש מיט דיא מצוה וואס ער טוהט פון וועגין צו נעמין שכר. וועט ער מיט דיא מצוה ניט געבארין נאך מצות ווארום דער מלאך וואס איז בשאפין גיווארין פון דיא מצוה ווערט בטל, האט ער ניט ווער עס זאל איהם מסייע זיין. (וטמאה שבעת ימים) אונ עס קען נאך זיין אז דיא גאנצע זיבען טעג דאס מיינט מען דיא זיבציג נאהר וואס ער בדארף לעבין קען חלילה זיין אז זיי וועלין ביי איהם זיין אונריין. ווארום ווען ער טוהט נאר דיא מצוה פון וועגין צו נעמין שכר. אונ ווען גאט וועט איהם אזוי גיך ניט געבין דעם שכר בעולם הזה קען נאך זיין אז (כימי) דיא גאנצע צייט פון דיא טעג (נדה) וואס עס וועט זיין אפגעשייד (דותה) איהר רינונג כלומר דער שכר וואס עס דארף צו איהם רינען פון דיא מצוה, וועט עס קומט ניט (תטמא) קען נאך זיין אז דאס וועט איהם נאך גורם זיין ער זאל זיין תמיד אונריין. ווארום ער וועט זיך טראכטין וועגין וואס זאל ער טוען מצות ווען ער האט ניט פאר דעם קיין שכר. איבער דעם בדארף דער מענטש צו טוען מצות ווייא פיהל ער קען. אונ זאל ניט טוען וועגין צו נעמין שכר. ווארום זיין שכר וועט איהם ניט פאר פאלין ווערין: דער נחל קדומים טייטשט אזוי. (אשה כי תזריע וילדה זכר וגו') ווען אשה וועט פארזייען זאמען אונ וועט געבוירין איין זכר. דיא ערשטע אותיות פון דיא ווערטער "כי "תזריע "וילדה "זכר מאכט "כיתוי"ז. קומט עס צו ווייזין אז עס איז פאר דיא אשה אזכות דאס וואס זיא האט געבארין אזכר. ווארום דיא גמרא זאגט, אז

דיא אשה איז ניט פארבאטין געווארין אויף דיא מצוה פון פריה ורביה , זיא איז ניט בפוילין געווארין צו האבין קינדער . אונ אויך זאגט דיא גמרא אז איבער דעם שטייט ניט אשה כי תלד זכר ווען אאשה וועט געבארין אזכר . נאר עס שטייט כי תזריע ווען זיא וועט פארזייען זאמען . קומט דאס צו ווייזן . (אשה מזרעת תחילה יולדת זכר) ווען עס נעמט אן פריער איהרע זאמען . אונ דערנאך נעמט אן דיא זאמען פון מאן . דאמאלס געווינט זיא אזכר . וואלט מען וועלין מיינען וויל זיא איז דאך ניט בפוילן צו האבן קינדער . אונ ווען זיא האט אזכר וואס דאס קומט פון איהר וואס זיא האט זיך געפעדערט צו פארזייען דיא זאמען . איז דאס איהר ניט קיין זכות . איבער דעם איז דער פסוק מרמז אין דיא אנהייב ווערטער פון "כי "תזריע "יולדה "זכר דאס ווארט ז"כ"ו"ת . אונ פריער שטייט דאס ווארט אשה צו ווייזן ווען אויך זיא געווינט אזכר איז עס אויך פאר איהר אזכות . ווארום דורך איהר איז דער מאן מקיים דיא מצוה

פריה ורביה :

(יג) (ב) (אדם כי יהיה בעור בשרו) דער כלי יקר אונ נאך ספרים שרייבין אז דיא נגעים קומען מדה כנגד מדה , וואס פאר אעבירה דער מענטש טוהט אזוי אנגע קומט אויף איהם . זאגט דער פסוק . ווען אין לייב פון אמענטש וועט זיין (שאת) אנגע וואס ווערט גרופין שאת אגעשווילעכץ , דאס לייב איז געשוואלען עס איז העכיר פון דעם איבריגין לייב . אונ דאס קומט וויל ער האט זיך געהאלטין בגאוה אונ ער האט זיך דערהויבין איבער דעם אנדערין . (או ספחת) אדער אנגע וואס ווערט גרופין ספחת אבאהעפטיגקייט . אונ דאס קומט וויל ער גלוסט צו פרעמדע פארמעגין אונ וויל עס בהעפטין צו זיך עס זאל ווערין זיינס . (או בהרת) אדער אנגע וואס ווערט גירופין בהרת אפלעק . אונ דאס קומט וויל ער רעד לשון הרע אויף דעם אנדערין . אונ דיא טבע איז ווען למשל ראובן רעד לשון הרע אויף שמעון פאר לוי . ער זאגט צו לוי . שמעון האט מיר גיזאגט אז דוא ווילסט מיר שלעכטס טוען . ווען דערנאך גייט לוי צו שמעון אונ פרעגט איהם פאר וואס האט ער דאס אויף איהם גיזאגט . ווערט דאך שמעון זעהר פיהל פארשעמט אונ עס ווערט איהם פלעקין אויף זיין פנים פון שאנד . אונ איבער דעם (והי' בעור בשרו לנגע צרעת) וועט דיא עבירה גאוה . אדער תאוה . אדער לשון הרע . מאכין אין זיין הויט אקרעציגע נגע . (והובא אל אהרן הכהן או אל אחד מבניו הכהנים) זאל ער געברענגט ווערין צו אהרן הכהן אדער צו איינעם פון זיינע קינדער וויל די כהנים האבן ניט גיהאט אין זיך דיא דרייא שלעכטע מידות . זייא האבין זיך ניט געהאלטין בגאוה אזוי וויא עס שטייט אין פסוק (שמות ט"ז ז) (ונחנו מה) . משה מיט אהרן האבן גזאגט וואס זענין מיר חשוב . אויך האבין זייא ניט געגלוסט פרעמדע פארמעגין ווארום זייא האבין דאך קיין פעלד ניט גיהאט . נאר מען האט זייא גיגעבין תרומות אונ מתנות . אונ זייא האבין אויך ניט גירעד לשון הרע . ווארום מיט לשון הרע איז מען גורם אז איינער זאל דעם אנדערין ווערין אשונא . אונ אהרן איז דאך גווען ארודף שלום . בקיצור . דער פסוק זאגט . דער מענטש וואס האט אין זיך אשלעכטע מדה וואס דורך דיא מדה קומט אויף איהם אזוי אמין נגע בדארף ער גיין צום כהן וואס ער האט ניט אין זיך דיא מדה רעה וועט ער איהם מטהר זיין : אויף דעם פסוק קען מען פרעגין אקשיא דיא גמרא זאגט (אין בעל הרחמים פוגע בנפשות תחילה) ווען השי"ת וויל שטראפען אמענטש שטראפט ער איהם ניט פריער אין זיין גוף נאר ער שטראפט איהם פריער אין זיין פערמעג . אונ ווען ער טוהט ניט קיין תשובה

שטראפט ער איהם יעצט דערנאך אין גוף. איז דאך די קשיא פאר וואס שטייט פריער אין פסוק די דינים פון די נגעים וואס עס קומט אויף דעם גוף פון מענטש. און דערנאך שטייט די דינים פון די נגעים פון די קליידער. און דערנאך די דינים פון נגעים פון הייזער. עס האט דאך באדארפט פריער שטיין די דינים פון נגעים פון די הייזער און פון קליידער. און דערנאך פון די נגעים פון גוף? נאר דער תירוץ איז די גמרא זאגט אז די יסורים פון נגעים ווערט גירופען יסורים של אהבה, ווען נאט האט ליעב שטראפט ער איהם מיט נגעים פון וועגין צו פארמערין זיין שכר בעולם הבא. נמצא איז אזוי. ווען השי"ת שטראפט ווייל ער האט איהם ליב שטראפט ער איהם מיט נגעים אויף דעם גוף. און דערנאך זיין פארמעג. ווארום דער גוף איז דאך געליבטער. און ווען השי"ת שטראפט אויף זיינע זינד שטראפט ער איהם פריער זיין פארמעג און דערנאך דעם גוף:

# פרשת מצורע

(יד) (א) וידבר וגו׳: (ב) זאת וגו׳ דער אור פני משה טייטשט אזוי (זאת תהיה תורת המצורע) מיט דעם מענטשינס שכל וואלט באדארפט זיין אזוי דער דין פון דעם מענטש וואס ער איז אמצורע אקרעציגער. (ביום טהרתו והובא אל הכהן) אז אין דעם טאג וואס ער ווערט ריין דאמאלס זאל ער ווערין גיברענגט צום כהן ער זאל איהם ריינינגען. אבער פריער איידער ער ווערט ריין בדארף ער נאר גיין צו אגוטע דאקטור ער זאל איהם אויסהיילען. און דער דין איז אבער ניט אזוי. נאר (ג) (ויצא הכהן אל מחוץ למחנה) דער כהן זאל ארויסגיין אויסוויינינג פון די מחנה וויא דער מצורע איז. (וראה הכהן) און דער כהן זאל זעהן די צרעת. איז דאך דאס ניט וויא דער שכל איז מחייב. איז פון דעם די ראיה (והנה נרפא נגע הצרעת) אז דאס וואס עס איז גיווארין אויסגיהיילט די קרעציגע נגע איז עס ניט מיט די נאטור דורך רפואות נאר (מן הצרוע) פון דעם קרעציגען אליין. ווארום פאר וואס איז דען אויף איהם געקומען די נגע. וועגין זיינע עבירות. און ווען דער כהן גייט צו איהם זעהן די נגע שטראפט ער איהם אויף זיינע עבירות און ער לערינט איהם וויא אזוי ער זאל זיך נוהג זיין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק (מלאכי ב׳ ז׳) (כי שפתי כהן ישמרו דעת) די ליפען פון כהן היטען וויסענשאפט. כלומר ער מאכט מיט זיינע רייד דאס אנדערע זאלין זיך היטין מיט וויסענשאפט זיי זאלין קיין שלעכטס ניט טוען. (ותורה יבקשו מפיהו) און לערנונג זוכען זיי פון זיין מויל (כי מלאך ה׳ צבאות הוא) ווארום ער איז דאך דער שליח פון גאט ברוך הוא. און דער מענטש וואס האט די נגע. האט ער דאך יסורים און בושה און מוז זיין אפגעזונדערט פון מענטשין. און דער כהן זאגט איהם מוסר טוהט ער דאך געווים תשובה אויף זיינע עבירות. איבער דעם איז ער געווארין אויסגיהיילט: נאך קען מען טייטשין אזויא וויא די גמרא זאגט (זאת) דאס מיינט מען די תורה זיא ווערט גירופין זאת. אזויא וויא עס שטייט (וזאת התורה) (תהיי) זיא זאל זיין (תורת המצורע) דאס לערנונג פון דעם מענטשין וואס ער איז גיווארין קרעציג ווייל ער האט גירעדט לשון הרע. אזוי וויא דאס ווארט מצורע מאכט מוציא־רע ער ציעט אויס שלעכטס. דאס מיינט מען

ער

ער רעדט לשון הרע אויף זיין חבר. איבער דעם איז ער געווארן קרעציג. איז זיין תקנה ער זאל זיך נעמען צו לערנען די תורה. אונ זאל לערנען מיט גרויס התמדה אונ חשק אז די תורה זאל ווערין גירופען זיא איז זיין תורה. דאס איז די כוונה פון די ווערטער תורת המצורע. זיא איז גלייך וויא זיין תורה. אונ דער מענטש וואס קען ניט לערנין איז פאר איהם דא איין אנדערע תקנה ער זאל זיך האלטין זעהר שפל אונ נידעריג אונ זאל זיך ברעכינען אז נאר (ביום) ער האט נאר דעם טאג צו לעבין. אונ אויף מארגין קען גאר זיין חלילה אז זיין וואהנונג וועט נאר זיין אין קבר. האט ער זיך ניט מיט וואס צו האלטין בגאוה. דורך דעם וועט קומען צו איהם (טהרתו) זיין ריינקייט. אונ אויך איז די כוונה ביום טהרתו. אין דעם טאג ווען ער וועט זיך ריינינגען פון די זינד. דאמאלס (והובא אל הכהן) קען ער געברענגט ווערין פאר הקדוש ברוך הוא וואס ער ווערט גירופין אכהן. אבער כל זמן ער איז ניט ריין פון די זינד ער טוהט ניט קיין תשובה, קען ער זיך ניט ווייזין פאר גאט. אונ ווען אויך ער וועט שטארבין וועט ער ניט קענין גיברענגט ווערין למקום העליון. נאר ער וועט מוזין נאך אמאהל מגולגל ווערין בעולם הזה ביז ער וועט מתקן זיין וואס ער האט געזינדיגט. ווען ער וועט זיך דאס ברעכינעז וועט ער געוויס טוען תשובה. זאגט ווייטער דער פסוק (ג) ויצא וגו׳ ברעכינט זיך מיט אייער שכל ווי גרויס עס איז די זינד פון לשון הרע וואס דורך דעם קומט ארויס שנאה פון איינעם אויף זיין חבר. אונ איבער דעם איז דער בית המקדש חרוב גיווארין אונ די ישראל זענען פארטריבן גיווארין אין גלות אריין. אונ גאט ברוך הוא כביכול איז אויך מיט גיגאנגען מיט זיי אין גלות. איז דער רמז אין פסוק אזוי. (ויצא הכהן) אונ גאט ברוך הוא וואס ער איז הכהן. איז ער ארויס גיגאנגען (אל מחוץ) אונ אויסווייניג פון די שטאט ירושלים (למחנה) צו די מחנה ישראל ער איז מיט זיי מיט גיגאנגען אין גלות. אונ דאס איז גיווען דורך לשון הרע. (וראה הכהן) אונ גאט ברוך הוא זעהט אונ גיט אכטונג אויף אונז אין גלות. אונ ער פארלאנגט פון אונז אז (והנה נרפא נגע הצרעת מן הצרוע) די שנאה וואס עס קומט דורך לשון הרע וואס דאס איז די גרעסטע נגע. זאל עס ווערין אויסגעהיילט. עס זאל בטל ווערין. עס זאל זיין אחדות אונ שלום וועלין מיר זוכה זיין אז גאט ברוך הוא וועט ווייטער מיט אונז זיין אין ירושלים. אונ דער בית המקדש וועט גבויעט ווערין במהרה בימנו אמן: (לד) כי תבאו וגו׳ דער ס׳ נחל קדומים זאגט אז די פסוקים זענין מרמז אויף די צווייא בית המקדשן וואס זענין חרוב גיווארין, אונ אויף דעם דריטין בית המקדש וואס מיר האפין ער זאל גבויעט ווערין במהרה בימנו. זאגט דער פסוק (כי תבאו אל ארץ כנען) ווען איהר וועט קומען אין לאנד פון כנען דאס איז ארץ ישראל. אשר אני נתן לכם) דארפט איהר ויסען אונ באקלערין מיט שכל אז איך טוה עס אייך געבין (לאחוזה) צו איין ארב. ניט איהר האט עס מיט אייער כח איינגענומען. אונ ווען איך האב עס אייך גיגעבין האב איך איבער אייך צו בפוילין אז איהר זאלט מיר פון איהר געבין פאראטיק דאס איז תרומות אונ מעשרות. אונ ווען איך בפויל מען זאל איהר אום שמיטה אונ אום יובל ניט בארבייטין בדארפט איהר מיר צו הארכין. אונ ווען איהר וועט ניט האלטין די מצות פון שמיטה אונ יובל (ונתתי נגע צרעת בבית ארץ אחוזתכם) וועל איך געבין אקרעציגע נגע אין דעם בית המקדש. כלומר איך וועל ווערין אויף אייך אין כעס אונ איך וועל דעם כעס אויסברענגין אויף דעם בית המקדש: (לה) (ובא אשר לו הבית) אונ השי״ת

וואס

וואס דער בית המקדש איז זיינער וועט קומען (והגיד לכהן לאמר) אונ וועט זאגין צו ירמי' הנביא (כנגע נראה לי בבית) עפיס אזוי וויא א נגע ווערט מיר געוויזען אין בית המקדש דאס מיינט מען זיי דינען דיא עבודה זרה: (לו) (וצוה הכהן) וועט ירמי' זיי זאגין אוסר. אונ ער וועט זייא בפוילין (ופנו את הבית) זיי זאלין אויסראמען דיא עבודה זרה פון בית המקדש (בטרם יבא הכהן לראות את הנגע) איידער הקדוש ברוך הוא וועט קומען צו זעהן דיא נגע. (ולא יטמא כל אשר בבית) אונ דיא עבודה זרה זאל ניט פאר אונריינינגען אלעם וואס עס איז דא אין בית המקדש. (ואחר כן) אונ דערנאך ווען איהר וועט שוין אויסראמען דיא עבודה זרה (ובא הכהן לראות את הבית) וועט שוין הקדוש ברוך הוא קענין קומען אין בית המקדש אריין: (לז) (וראה את הנגע) דיא יודין האבין אבער ירמיהום רייד ניט גיהארכט נאר זיי האבין וייטער גערינט דיא עבודה זרה. אונ ווען נאט איז געקומען אונ האט עס גיזעהן אז דיא עבודה זרה איז נאך ביי זייא (והנה הנגע בקירת הבית) אונ זיא איז אויפגעמאלט אויף דיא ווענט פון בית המקדש (שקערורת) דיא בילדער פון דיא עבודה זרה איז געוועזען טיף אויסגיזעצט אונ אויסגעהאקט אין דיא ווענט. אונ זענין גיוועזען (ירקרקת או אדמדמת) גיפארבט מיט גרינע פארב אדער מיט רויטע פארב. (ומראיהן שפל מן הקיר) אונ זייער גישטאלט איז נידריגער פון דיא וואנד. פון ווענין עס זאל ניט ווערין אפגעריבען: (לח) (ויצא הכהן מן הבית) וועט גאט ברוך הוא ארויס גייען פון בית המקדש (אל פתח הבית) צום טהיר פון בית המקדש אזוי וויא דיא גמרא זאגט (עשרה מסעות נסעה שכינה וכו') ווען עס איז געקומען דיא צייט פון חורבן בית המקדש האט דיא שכינה אויף צעהן ערטער זיך אפגישטעלט (והסגיר את הבית שבעת ימים) אונ ער האט פארשלאסין דעם בית המקדש אויף זיבין טעג. דאס מיינט מען דיא קדושה איז אפגטועען גווארין אויף זיבין חדשים. אונ איז געוועזין אויף דעם הר הזתים אונ האט אפגעווארט טאמער וועלין זיי טוען תשובה: (לט) (ושב הכהן ביום השביעי) אונ ווען ער האט אום זיבענטין טאג דאס איז אום דעם זיבענטין חודש צוריק גיקערט (וראה) אונ ער האט גיזעהן (והנה פשה הנגע בקירת הבית) אז דיא נגע האט זיך פארמערט אין דיא ווענט פון בית הבקדש. זייא טוען נאך קיין תשובה ניט: (מ) (וצוה הכהן) וועט גאט ברוך הוא בפוילין (וחלצו את האבנים אשר בהן הנגע) אז דיא פיינד זאלין צונעמין דיא ציגעל פון דיא ווענט פון בית המקדש וואס אין זיי איז גיוועזען דיא נגע פון דיא עבודה זרה. (והשליכו אתהן אל מהוץ לעיר אל מקום טמא) אונ זייא וועלין דאס ארויס ווארפין אויסוויינינג פון שטאט צו איין אונריין ארט: (מא) (ואת הבית יקציע מבית סביב) אונ דאס גאלד פון דיא ווענט האבין זייא אפגעהאקט (ושפכו את העפר) אונ זייא האבין אויסגעשיט דאס שטויב פון דאס גאלד אזוי וויא עס שטייט (ועפרות זהב) (אשר הקצו) וואס זייא האבין עס אפגעהאקט (אל מחוץ לעיר) צו אויסוויינינג פון שטאט ירושלים (אל מקום טמא) צו איין אונריין ארט. דאס איז בבל וואס נבוכדנצר האט אהין מיט גענומען דיא גאלדענע כלים פון בית המקדש: (מב) ולקחו וגו' אונ ווען עס האט זיך גיקאנטשעט דיא זיבציג יאהר וואס זייא האבין בדארפט צו זיין אין בבל, האט גאט ברוך הוא אריין געשיקט ארצון אין כורש מלך פרס דאס ער האט גינעבין רשות זייא זאלין געהן קיין ארץ ישראל אונ זאלין אויפבויען דעם בית המקדש. דאס מיינט דער פסוק (ולקחו אבנים אחרות) אונ זיי וועלין נעמין אנדערע שטיינער (והביאו אל תחת האבנים) אונ וועלין זיי ברענגען אויף דעם ארט פון דיא פריערדיגע שטיינער

און אויפבויען דאס אנדערע בית המקדש (ועפר אחר יקח) און וועלין נעמין אנדערע
גאלד (וטח את הבית) און בדעקין מיט דעם גאלד אויף דיא ווענט פון בית המקדש :
(מג) (ואם ישוב הנגע) און ווען דיא נגע פון זעהרע שלעכטע מעשים וועט ווידער
צוריק קערין (ופרח בבית) און עס וועט ווייטער בלוהען זעהרע מעשים רעים אין דיא
צייט פון דעם אנדערין בית המקדש (אחר חלץ את האבנים ואחרי הקצות את הבית)
ווען אויך זיי האבין גיזעהן אז דער ערשטער בית המקדש איז חרוב גיווארין (ואחרי
הטוח) און נאך דעם וויא מען האט דעם אנדערין בית המקדש פארטיג גימאכט
און ארום געשמירט מיט דעם גאלד האבין זיי ווייטער געזינדיגט : (מד) (ובא הכהן)
און השי"ת וועט קומען (וראה) און ער וועט זעהן (והנה פשה הנגע בבית) אז דיא נגע
פון זעהרע שלעכטע מעשים האט זיך נאך פארמערט אין דיא צייט פון דעם אנדערין
בית המקדש (צרעת) די קרעץ. דאס איז דיא מעשים רעים (ממארת היא) זיא מאכט
אין זיי איין פארפליכונג און אמיננורינג. (בבית) און זיי פארזיכערין זיך אויף דעם בית
המקדש אז גאט וועט אויף זייא רחמנות האבין פון וועגין דעם בית המקדש. זאגט
אבער דער פסוק (טמא הוא) ער איז אונריין, דורך דיא שלעכטע מעשים גייט אוועק פון
איהם דיא קדושה: (מה) (ונתץ את הבית) און ער וועט צו שטויסין דעם אנדערין
בית המקדש אויך. (את אבניו ואת עציו ואת כל עפר הבית) דיא שטיינער זיינע מיט
זיין האלץ מיט דעם שטויב (דאס איז די גאלד) (והוציא אל מחוץ לעיר) און ער וועט
מאכין מען זאל אויסציען דיא יודין אויסווייניג פון שטאט (אל מקום טמא) אין גלות
אריין, וואס אנטקעגין ארץ ישראל ווערט עס גירופען איין אונריין ארט : (מו) (והבא
וגו') און גאט ברוך הוא האט גוזר גיוועזן אז זייא זאלין שוין אליין ניט אויפבויען קיין
בית המקדש ביז משיח וועט קומען. דאס איז דיא כוונה (והבא) דער וואס וועט
קומען קיין ירושלים (אל הבית) וועגין צו בויען דעם בית המקדש (כל ימי הסגיר
אתו) אין דיא גאנצע צייט וואס גאט האט איהם איבערגיענטפערט (יטמא) זאל ער זיין
אונריין. כלומר ער וועט ווערין גישטראפט (עד הערב) מען דארף צו ווארטען ביז עס
וועט זיין נאכט. כלומר דער סוף פון דיא שטראף וואס גאט האט אויף זיי אויסגיזעצט:
(מז) (והשכב בבית וגו' והאכל בבית) און דער מענטש וואס זיין הארץ איז איהם צו
געצויגן צום בית המקדש אז ווען ער עסט אבער ער ליגט טראכט ער
נאר פון וועגין בית המקדש און האט צער אויף דעם חורבן. (וכבס את בגדיו) זאל
ער זעהן אפוואשין דיא מענטשין וואס פעלשין אין גאט ער זאל זיי אויסשטראפין זיי
זאלין זיך ריין מאכין פון דיא שלעכטע מידות קען זיין אז השי"ת וועט זיך מרחם זיין:
(נד) זאת וגו' דער ס' דגל מחנה אפרים טייטשט אזוי. דיא גמרא זאגט (חש בראשו
יעסוק בתורה) ווען עס טוהט וויא דעם מענטש זיין קאפ זאל ער עוסק זיין אין דיא
תורה. אין דעם גלייכין ווען עס טוהט איהם איין אנדער אבר וויא זאל ער זיך נעמין
צוא לערנין תורה, וועט ער ווערין אויסגיהיילט אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (משלי
ד' כ"ב) (ולכל בשרו מרפא) דיא תורה הקדושה איז ארפואה צו אלע אברים פון
מענטש. איז דיא כוונה אזוי, ווארום אין מענטש איז דא צוויי הונדערט אכט און
פערציג גלידער. און דריי הונדערט פינף און זעכציג אדערין. בייא זאממען איז עס
זעקס הונדערט דרייצין, אנטקעגין דיא דריי הונדערט דרייצין מצות פון דיא תורה.
און ווען דער מענטש איז חלילה עובר אויף איין מצוה פון דיא תורה מאכט ער
קראנק איין אבר פון זיין גוף. כלומר עס ווערט אין דעם אבר אפגעשלאפט דאס

רוחניות דאס הייליגקייט, אונ ווען ער טוהט תשובה אונ איז מקיים דיא מצוה ווערט איהם דער אבר צוריק אויסגעהיילט עס קומט אין איהם צוריק אריין דיא קדושה, דאס מיינט דיא גמרא (חש בראשו) דער מענטש וואס עס איז איהם קראנק געווארין זיין קאפף. דאס מיינט מען ער האט אין זיין קאפ ניט קיין ריינע גידאנקען (יעסוק בתורה) זאל ער לערנין תורה וועט זיא איהם צוריק מעלה זיין אין דיא קדושה. אונ אויך איבער דעם זאגט ניט דיא גמרא (ילמוד בתורה) ער זאל לערנין אין דיא תורה, נאר דיא גמרא זאגט (יעסוק בתורה) ער זאל טוען אין דיא תורה. דאס מיינט מען ווען דורך זיין שלאפקייט כלומר דורך זיינע שלעכטע גידאנקען וואס דורך זיי האט ער עובר גיוועזן אויף אמצוה פון דיא תורה אונ דורך דעם איז ער געווארין אפגעשלאפט פון דיא קדושה, איז זייי תקנה ער זאל טוען תשובה. אונ זאל טיען דיא מצוה פון דיא תורה וואס עס איז אנטקעגין דעם אבר, וועט עס איהם צוריק ברענגין אין דיא קדושה. דאס זאגט דא דער פסוק (זאת התורה) דיא תורה הקדושה איז דיא סיבה (לכל נגע הצרעת ולנתק): (נה) (ולצרעת הבגד ולבית): (נו) ולשאת ולספחת ולבהרת: צו אלע מיני צרעת וואס עס קומט אויף אמענטש סיי אין גוף סיי אויף זיינע קליידער, אדער אויף זיין שטוב, איז עס אלץ ווייל ער איז ניט מקיים דיא מצות פון דיא תורה: (נז) (להורות) דאס לערינט דעם מענטש ביום אין דעם טאג וואס ער קריגט דיא קרעץ אדער איין אנדער שלאפקייט איז דאס (הטמא) ווייל ער איז געווארין אונריין ער האט עפים געזינדיגט. (וביום הטהור) אונ אין דעם טאג וואס ער נעמט זיך צו ריינינגען (זאת תורת הצרעת) איז אויך דיא זעלבינגע תורה ארפואה אוים צו היילען זיין צרעת: זער מדרש ברענגט אויף דעם פסוק (זאת תהיה תורת המצורע) (האי רוכלא הוי מכריז מאן בעי למזבן סמא דחייי) אסוחר פון בשמים איז גיגאנגען אין גאס אונ האט געשריגען ווער וויל קויפען אריצעפט פון לעבין. (הוי אופקין עליו כולי עלמא) זענין אלע מענטשין צו איהם צו געלאפין זיי האבין דאס גיוואלט בייא איהם קויפין. ווארום ווער וויל עס ניט לעבין. (אמר ליי ר' ינאי תא סק להכא זבין לי) אונ ווען ר' ינאי האט עס גיהערט האט ער איהם גערופין צו זיך אונ האט איהם גיזאגט פארקויף מיר אויך דעם ריצעפט (אמר ליה) האט דער סוחר צו ר' ינאי גיזאגט (לאו את צריך ליה ולא דכוותך) דוא אונ נאך דיין גלייכען בדארפין דעם ריצעפט ניט. (אטרח עליו) האט ר' ינאי אין איהם שטארק מפציר גיוועזן ער זאל איהם זאגין וואס דער ריצעפט איז הוציא ס' תהלים והראה לו פסוק מי האיש החפץ חיים נצור לשונך מרע וגו': האט דער סוחר ארויס גענומען אתהלים אונ האט איהם געוויזען דעם פסוק וואס דוד המלך עה"ש זאגט, וועלכער מענטש וואס וויל לעבין זאל ער אפהיטען זיין צונג פון צו רעדין שלעכטס אדער פאלש. (סור מרע ועשה טוב) פריער טוה זיך אפ פון שלעכטס, אונ דער נאך זיי צו טוען מעשים טובים (בקש שלום ורדפהו) זיך נאך צו מאכין שלום צווישען מענטשין, דאס איז דער לעבעדיגער ריצעפט. (אמר ר' ינאי) האט ר' ינאי גיזאגט (כל ימי הייתי קורא פסוק זה לא ידעתי פשוטו) ביז אהער ווען איך האב גיזאגט דעם פסוק, האב איך ניט געוויסט דעם פשט פון איהם (עד שבא רוכל זה והודיעני) ביז דער סוחר איז געקומען אונ האט מיר גימאכט וויסען דעם פשט. בדארף מען פארשטיין וואס האט ר' ינאי פריער ניט געוויסט אין פשט פון פסוק, אונ וואס האט ער יעצט שוין יוא געוויסט. זאגט דער ס' כתב סופר אזוי, ווארום ר' ינאי האט ניט געוויסט דעם פשט פון דיא ווערטער (מי האיש החפץ

חיים) וועלכער מענטש עס וויל לעבין, איז דאך דיא קשיא וועלכער מענטש וויל דען ניט לעבין? נאר דיא כוונה אין פסוק איז אזוי. דוד המלך קומט אנזאגען מען זאל נזהר זיין ניט צו רעדין קיין לשון הרע איינער אויף דעם אנדערין. איז מיט דעם שכל וועמען בדארף מען דאס אנזאגין. דעם מענטש וואס ער זיצט תמיד אין בית המדרש אונ האנדילט ניט אין גאס. איהם בדארף מען ניט אנזאגען ווארום ער רעדט אזוי אויך ניט קיין לשון הרע. ווארום וועגין וואס זאל ער רעדין לשון הרע, דאס בדארף מען נאר אנזאגין דעם מענטש וואס האנדילט אין גאס מיט מענטשין, ער איז שוין יוא געוואהנט צו רעדין לשון הרע. וויל ער איז דעם אנדערין מקנא רעדט ער אויף איהם שלעכטס ער מיינט טאמער דורך דעם וועט איהם ארויס קומען א טובה אין זיין געשעפט אזעלכין מענטש בדארף מען אנמיינסטין פארזאגין. דאס זאגט דוד המלך (מי האיש החפץ חיים) וועלכער מענטש וואס ער וויל לעבין כלומר ער איז ניט פון דיא מענטשין וואס זיצען נאר אין בית המדרש אונ זענין נאר עוסק איז דיא תורה אונ האבין גאר ניט אין זינען דאס לעבין פון עולם הזה. זעלכע מענטשין בדארף מען עס ניט פאר זאגין. נאר דעם מענטש וואס ער וויל האבין הנאה פון זיין לעבין בעולם הזה, ער האנדילט פון וועגין צו פערדינען ער זאל קענין עפיס לעבין מיט תענוגים אויף דיא וועלט. איהם בדארף מען עס פארזאגין ער זאל ניט רעדין קיין לשון הרע. אונ זאל דעם חבר ניט טוען קיין שלעכטס. דיזעם פשט האט ר' ינאי ניט געוויסט. ווארום ער האט געמיינט אז דאס פערזאגט מען צו אלע מענטשין. נאר דער סוחר האט איהם געגעבין צו ערקלערין אז פאר אזוי א מענטש וויא ר' ינאי איז וואס ביי איהם איז דיא גאנצע לעבין פון עולם הזה גאר ניט חשוב בדארף מען דאס ניט פארזאגין:

# פרשת אחרי

טז (א) (וידבר ה' אל משה אחרי מות שני בני אהרן) נאך דעם ווען אהרנ'ס צווייא קינדער זענין געשטארבין האט גאט גערעדט צו משה אז (בקרבתם לפני ה' וימותו) דורך דעם וואס זיי האבין זיך געהאלטין בגאוה וייל זייא זענען געוועזן זייער נאהענט צו גאט. מיט דעם האבין זיי זיך געהאלטין גרעסער איבער אלע, איבער דעם זענין זיי געשטארבין. ווארום וואס דער מענטש איז מער צדיק בדארף ער זיך אלץ מער האלטין זעהר נידעריג. איבער דעם: (ב) ויאמר וגו' האט גאט געזאגט צו משה (דבר אל אהרן אחיך) רעד צו דיין ברודער אהרן (ואל יבא בכל עת אל הקדש וגו') ער זאל ניט אלע צייט אריין קומען אין קדשי קדשים נאר אום יום כיפור דאמאלס איז ער געוויס זעהר שפל אונ אעניו ביי זיך. ווארום ער גייט דאך מתודה זיין אויף זיינע זינד פון א גאנץ יאהר. דאמאלס מעג ער אריין גיין אין קדשי קדשים זיך ווייזין פאר השי"ת. אבער א בעל גאוה ווען אויך ער לערינט פיל תורה האט איהם השי"ת פיינד:

דער ס' אור הגנוז טייטשט אזוי דיא ווערטער (ואל יבא בכל עת אל הקדש) וואדום דיא גמרא זאגט (איזה עושה צדקה בכל עת) וועלכער מענטש טוהט צדקה אלע צייט (זה המפרנס אשתו ובניו) דער וואס איז מפרנס זיין ווייב אונ קינדער. וועט דאך דער מענטש זאגין איך בין דאך מקיים די מצוה פון צדקה מיט דעם וואס איך בין מפרנס מיין ווייב אונ קינד. וועגין וואס זאל איך נעבין צדקה צו פרעמדע. זאגט אבער דער פסוק (ואל יבא בכל עת אל הקדש) מיט דיא צדקה פון אלע צייט כלומר מיט דעם

וואס

וואָס ער איז מְפַרְנֵס זַיין ווייבּ און קינדער אַלֶע צַייט . קען ער נאָךְ נִיט קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְקֵייט וואָס מֶען איז זוֹכֶה דוּרְךְ דִיא צְדָקָה וואָס מֶען גִיט צוּ אָרִימֶע לַייט :
(יז) וכל וגו׳ דֶער אור פני משה טַייטְשְׁט אַזוֹי (וכל אדם) און יֶעדֶער מֶענְטְשׁ (לא יהי׳) בַּאדַארְף זִיךְ רֶעכִינֶען גְלַייךְ ווִיא גָאר נִיט . עֶר דַארְף זִיךְ הַאלְטִין זֶעהְר נִידֶערִיג (באהל מועד) אִין דִיא גַאנְצֶע צַייט וואָס עֶר לֶעבְּט בְּעוֹלָם הַזֶה וואָס זִיא ווֶערְט גְרוּפִין (אהל מועד) עֶס אִיז נאָר אַנִיצֶעלְט ווֶעלְכֶע עֶס אִיז נָאר בַּאשְׁטוּמְט אוֹיף אַצַייט נִיט אוֹיף אֵייבִּיג . (בבאו לכפר) ווֶען דֶער מֶענְטְשׁ קוּמְט צוּ פַארְגֶעבִּין אוֹיף זַיינֶע זִינְד , כְּלוֹמַר עֶר טוּהְט תְּשׁוּבָה (בקדש) און עֶר לֶערִינְט דִיא תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה (עד צאתו) בַּדַארְף עֶר זִיךְ אַזוֹי נוֹהֵג זַיין בִּיז עֶר ווֶעט אַרוֹיס גֶעהְן פוּן דִיא ווֶעלְט . בִּיז עֶר ווֶעט שְׁטַארְבִּין (וכפר בעדו ובעד ביתו ובעד כל קהל ישראל) דוּרְךְ זַיין זְכוּת ווֶעט גָאט פַארְגֶעבִּין אוֹיף אִיהְם און אוֹיף זַיינֶע הוֹיז גִיזוּנְד און אוֹיף אַלֶע יִשְׂרָאֵל : (ל) כי ביום וגו׳ דֶער נחל קדומים טַייטְשְׁט אַזוֹי , (כי ביום הזה) אִין דֶעם דָאזִיגֶען טָאג יוֹם כִּיפּוּר (יכפר עליכם) ווֶעט גָאט אַייךְ פַארְגֶעבִּין דִיא זִינְד . (לטהר אתכם) אַייךְ צוּ מַאכִין רֵיין , (מכל חטאתיכם לפני ה׳) נָאר אוֹיף ווֶעלְכֶע זִינְד אִיז יוֹם כִּיפּוּר מְכַפֵּר נָאר אוֹיף דִיא זִינְד וואָס אִיהְר הָאט גֶעזִינְדִיגְט אַנְטְקֶעגִין גָאט . אָדֶער ווֶען עֶר זִינְדִיגְט אַזוֹי אַזִינְד וואָס עֶס אִיז אַנְטְקֶעגִין גָאט און אוֹיךְ אַנְטְקֶעגִין מֶענְטְשִׁין . לְמָשָׁל ווֶען עֶר גַזִילָה אָדֶער עֶר גְנֵבָה בַּיים אַנְדֶערִין . אָדֶער עֶר רֶעדְט לָשׁוֹן הָרָע אוֹיף דֶעם אַנְדֶערִין וואָס דוּרְךְ דִיא רַייד הָאט דֶער אַנְדֶערֶער הֶיזֶק גֶעלְד . טוּהְט דֶער מֶענְטְשׁ צְווֵיי זִינְד . אֵיינְמָאל זִינְדִיגְט עֶר אַנְטְקֶעגִין זַיין חַבֵר , און אוֹיךְ אִיז עֶר עוֹבֵר אוֹיף דֶעם בַּאפוֹיל פוּן הַשֵׁי״ת . אִיבֶּער דֶעם ווֶען עֶר בַּארֶעכִינְט זִיךְ צוּ טוּהְן תְּשׁוּבָה בַּאדַארְף עֶר צוּם עֶרְשְׁטִין אַוֶועק גֶעבִּין זַיין חַבֵר דָאס וואָס עֶר הָאט בַּיי אִיהְם גִיגַזִילְט אָדֶער גֶנַבְעט . אָדֶער דֶעם הֶיזֶק וואָס עֶר הָאט אִיהְם גִימַאכְט דוּרְךְ זַיין לָשׁוֹן הָרָע . און אוֹיךְ דַארְף עֶר זֶעהְן גָאט בָּרוּךְ הוּא אִיבֶּער בֶּעטִין עֶר זָאל אִיהְם מוֹחֵל זַיין אוֹיף דֶעם וואָס עֶר הָאט עוֹבֵר גִיוֶוען אוֹיף זַיין בַּאפוֹיל . און פוּן דֶעסְט ווֶעגִין מוּז עֶר דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיךְ פִיל אִיבֶּער בֶּעטִין . ווָארוּם גָאט בָּרוּךְ הוּא קֶען נָאר מוֹחֵל זַיין זַיין חֵלֶק אָבֶּער נִיט דֶעם חַבֵרְס . דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק (מכל חטאתיכם לפני ה׳) פוּן אַלֶע אַייעֶרֶע זִינְד וואָס דָאס אִיז אַנְטְקֶעגִין גָאט ווֶעט עֶר אַייךְ אוּם יוֹם כִּיפּוּר פַארְגֶעבִּין ווֶען אִיהְר ווֶעט פִיל בֶּעטִין צוּ אִיהְם און חֲרָטָה הָאבִּין אוֹיף דִיא זִינְד . נָאר בְּאוֹפֶן (תטהרו) אִיהְר זָאלְט אוֹיף זִיךְ נֶעמִין אִיהְר זָאלְט שׁוֹין פוּן יֶעצְט אָן זִיךְ נֶעמִין צוּ זַיין רֵיין נִישְׁט צוּ זִינְדִיגֶען :

יז (יג) ואיש וגו׳ דֶער אור פְּנֵי מֹשֶׁה טַייטְשְׁט אַזוֹי . (ואיש איש כבני ישראל) און יֶעדֶער מֶענְטְשׁ פוּן דִיא יִשְׂרָאֵל (ומן הגר הגר בתוכם) און פוּן דִיא גֵרִים וואָס עֶר וואוֹהְנְט מִיט דִיא יִשְׂרָאֵל (אשר יצוד ציד) וואָס עֶר ווֶעט פַאנְגֶען אַיין גִיפֶענְגֶענִישׁ . (חיה או עוף) אַחַיָה אָדֶער אַיין עוֹף . כְּלוֹמַר עֶר יָאגְט נָאךְ ווֶעגִין פַּרְנָסָה , זָאל עֶר זֶעהְן (אשר יאכל) עֶר זָאל מֶער נִיט פַאנְגֶען נָאר וואָס עֶר בַּדַארְף הָאבִּין פוּן ווֶעגִין עֶסִין . אָבֶּער עֶר זָאל נִיט תָּמִיד פַארְבְּרֶענְגֶען דִיא צַייט צוּ הָארִיוֶוען ווֶעגִין מוֹתָרוֹת . און ווֶען דֶער יֵצֶר הָרָע ווֶעט אִיהְם אָבֶּער אָנְרֶעדִין עֶר זָאל זֶעהְן אַסַךְ צוּ אַרְבֵּייטֶען און צוּ הַאנְדְלֶען פוּן ווֶעגִין צוּ פֶערְדִינֶען פִיל גֶעלְד . זָאגְט אִיהְם דֶער פָּסוּק עֶר זָאל זִיךְ דֶערְמַאנֶען אַז (ושפך את דמו) עֶס קֶען זַיין אַז זַיין גֶעלְד וואָס עֶס קוּמְט אִיהְם אָן זֶעהְר שְׁווֶער אַז עֶס ווֶערְט אִין אִיהְם פַארְגָאסִין דָאס בְּלוּט , קֶען נָאךְ זַיין אַז דָאס גֶעלְד ווֶעט פוּן אִיהְם ווֶערִין אוֹיסְגֶעגָאסִין און עֶס ווֶעט נָאר אָנְקוּמֶען צוּ אַיין אַנְדֶערִין .

ווען קען דאס זיין (וכסהו בעפר) ווען ער וועט שטארבין אונ מען וועט איהם אריין ליגין אין קבר אונ מען וועט איהם בדעקין מיט ערד, וועט זיין גאנץ פארמעגין בלייבין פון אנדערע ווענין: נאך קען מען טייטשן (ואיש איש וגו׳) אונ יעדער מענטש (אשר יצוד ציד) וואס ער וויל פאנגען איין גיפעגעניש. דאס מיינט מען ער וויל אריין חאפין דעם יצר הרע ער זאל איהם ניט קענין אנרעדין צו שלעכטס. זאל ער זיך דערמאנען (חיה) אין דיא נשמה וואס זיא ווערט גירופין חי׳ אלעבעדיגע וועזען. (או עוף) אונ זאל זיך נעמין צום לערנין פון דיא תורה וואס זיא ווערט גירופען עוף (אזוי וויא דיא גמרא זאגט אין ברכות ואין עוף אלא תורה) דאמאלס (אשר יאכל) וועט דער יצר הרע ווערין פארצעהרט ער וועט ווערין פארלענד. אונ ווען דאס וועט גיט העלפין (ושפך את דמו) זאל ער פארגיסין זיין אייגינע בלוט כלומר ער זאל פיל וויינען מיט ביטערע טרערין אונ בעטין פון גאט. אונ ווען דאס וועט איהם אויך ניט העלפין (וכסהו בעפר) זאל ער זיך דערמאנען דיא שפלות פון מענטש וואס ער איז דאך נאר פון ערד. אונ אויך וואס ער וועט באדארפין צו שטארבין אונ וועט ווערין באדעקט מיט ערד, וועט שוין געווים דער יצר הרע פון איהם אפטרעטין:

יח (ה) ושמרתם וגו׳ דער אור פני משה פרעגט דער פסוק זאגט (ושמרתם) איהר זאלט היטין, איז דאך דאס אלשון רבים צו אסך מענטשין. אונ דערנאך זאגט דער פסוק (אשר יעשה אתם האדם) וואס דער מענטש זאל זייא טוען. איז דאס שוין אלשון יחיד ? צו איין מענטש. ענטפערט ער אזוי. דיא גמרא (יומא) זאגט (גדולה תשובה וגו׳) עס איז זעהר גרויס דאס וואס דער מענטש טוהט תשובה (שאפילו יחיד שעשאה מוחלין לו ולכל העולם) ווען אויך אפילו נאר איין מענטש טוהט תשובה איז מען דורך איהם מוחל צו אלע ברואים פון דיא וועלט. דאס איז דער רמז אין דעם פסוק (ושמרתם את חקתי ואת משפטי) גאט ברוך הוא זאגט. עס וועט ביא מיר גירעכינט זיין גלייך וויא איהר אלע טוהט היטען מיינע גיזעץ אונ משפטים (אשר יעשה אתם האדם) ווען אפילו איין מענטש וועט זיי טוען (וחי בהם) ער וועט דורך זייא הייסין אלעבעדיגער. ווארום פריער ווען ער האט געזינדיגט איז ער גלייך וויא אגישטארבינער. אבער ווען ער טוהט תשובה אונ טוהט מיינע חקים ומשפטים ווערט ער אלעבעדיגער מענטש, (אני ה׳) איך גאט זאג עס. אונ אזוי ווי איך בין אלעבעדיגער. אזוי אויך דער מענטש דורך מיין תורה וואס ער לערינט ווערט ער גירופין אלעבעדיגער מענטש. אונ אויך איז דיא כוונה (אשר יעשה אתם האדם) דער מענטש בדארף זעהן צו טוען אלע חוקים ומשפטים (וחי בהם) וועט ער דורך זייא אלע זיין לעבעדיג. ווארום אזוי וויא עס איז דא זעקס הונדערט דרייצין מצות אזוי איז דא אין מענטש זעקס הונדערט דרייצין גלידער מיט אדערין, אונ יעדער אבר אונ יעדער גליד ציעט חיות פון דיא מצוה וואס מען טוהט. נמצא בדארף מען דאך טוען אלע מצות אונ אלע חקים, פון וועגין אלע אברים זאלין ציען חיות. אונ וייל ניט יעדער מענטש קען מקיים זייז אלע. למשל מל זיין אקינד קען נאר מקיים זיין דער וואס האט אקינד. אבן זכר. אבער ער וואס האט ניט קיין בן זכר. קען ניט מקיים זיין. אונ אויך פדיון הבן, אונ דעסטגלייכען נאך אנדערע מצות. נאר זאגין שוין ספרים אז וועגין דעם בדארף זיין ביא דיא מענטשין אחדות. זיי זאלין זיין בשלום איינער מיט דעם אנדערין. דורך דעם ווען איין מענטש טוהט דיא מצוה. אונ דער אנדערער טוהט איין אנדערע מצוה, איז עס גלייך ווי זייא ביידע האבין גיטוען ביידע מצות. אונ אזוי דעסטגלייכען

מיט וויא פיל מענטשען ער לעבט מיט זיא שלום ווערט ער מיט זייא געאייניגט דאס ער האט אחלק אין זייערע מצות. דאס פירט אויס דער פסוק (והי׳) יעדער מענטש בעדארף לעבען (בהם) מיט זיי. מיט פיל מענטשען עס זאל זיין אחדות אונ שלום, באמאלס (אני ה׳) בין איך גאט מיט אייך. אונ אזוי ווי איך בין איינער בעדארפט איהר אויך זיין איינס. אונ באמאלס ווען אויך איינער פון אייך וועט טוהן תשובה, אונ וועט טוהן דיא חקים פון דיא תורה, איז עס גלייך וויא איהר אלע האט גיטוהן. אונ איך וועל אייך אלע מוחל זיין דורך זיין זכות:

# פרשת קדושים

יט (א) וידבר וגו׳ אונ גאט האט גירעדט צו משה אונ האט צו איהם אזוי גיזאגט: (ב) (דבר אל כל עדת בני ישראל) רעד צום גאנצען פערזאמלונג פון דיא יודען (ואמרת אליהם) אונ זאלסט צו זיי זאגען. (קדשים תהיו) טייטשט דער ק׳ נהל קדומים דאס ווארט קדשים איז דער טייטש אנגעבערייט אזויא וויא עס שטייט אין פסוק התקדשו וגו׳ זאגט דער פסוק (קדשים תהיו) איהר זאלט תמיד זיין אנגעבערייט צו טוהן מיינע מצות. (כי) דערפאר (קדוש אני ה׳ אלהיכם) בין איך אייער גאט אויך תמיד אנגעבערייט צו הארכען אייער גיבעט אונ צו טוהן אייך אייער ווילען. דער ס׳ ברית שלום טייטשט אזוי (דבר אל כל וגו׳) רעד צום גאנצען פארזאמלונג אונ זאלסט צו זיי זאגען (קדשים תהיו) איהר אלע קענט זיין הייליג. איהר זאלט ניט זאגען אז נאר דיא תלמידי חכמים קענען זיין הייליג, נאר איהר אלע קענט זיין הייליגע מענטשען. (כי קדוש וגו׳) ווארום איך אייער גאט בין הייליג. אונ איהר זענט דאך אלע מיינע קינדער קענט איהר אלע גלייך זיין הייליג. דער מדרש זאגט אויף דעם פסוק (אמרו כנסת ישראל לפני הקב״ה) דיא כנסת ישראל זאגט צו גאט ב״ה (רבש״ע קדושים קריאתנו א״כ לא נמות) דוא האסט אונז גרופען מיט דעם נאמען קדושים וועלין מיר ניט שטארבען קען מען דאס פארשטיין מיט דעם וואס דיא גמרא זאגט אין סנהדרין (עתידים הצדיקים שיחיו לעתיד ולא יחזרו לעפרן) דיא צדיקים זענען אנגעבערייט צו ווערין לעבעדיג אונ וועלין שוין מער ניט שטארבען. (שנאמר) אזוי וויא עס שטייט אין פסוק. (כל הנותר בציון קדוש יאמר לו) דער וואס וועט בלייבען אין ציון נאך תחית המתים וועט מען איהם רופען מיט דעם נאמען קדוש. (מה קדוש לעולם קיים אף הצדיקים לעולם קיימים) אזויא וויא השי״ת וואס ווערט גירופען קדוש לעבט אייביג. אזויא דיא צדיקים ווערין גירופען קדשים וועלין זייא אויך לעבען אייביג. דאס איז דיא כוונה אין מדרש. אונ דאס איז אויך דער טייטש אין פסוק (קדשים תהיו) איר זענט אנגעבערייט צו ווערין גירופען מיט דעם נאמען קדשים. וואס דאס בעוייזט אז איהר וועט לעבען אייביג (כי קדוש אני וגו׳) ווארום אזוי ווי איך אייער גאט ווער גירופען קדוש אונ לעבט אייביג, אזוי וועט איהר אויך אזוי זיין: (ג) (איש אמו ואביו תיראו) יעדער מאן זאל מורא האבען פאר זיין פאטער אונ מוטער. (ואת שבתתי תשמרו) אונ מיינע שבתים זאלט איהר היטען. זאגט רש״י אז דריבער שטייט דער דין פון שבת לעבען דעם דין פון מורא האבען פאר דעם פאטער אונ מוטער, קומט עס צו ווייזען ווען אויך דער פסוק זאגט מען זאל מורא האבען פאר דעם פאטער אונ מוטער. פון דעסטוועגען ווען זיי וועלין דיר זאגען אז דוא זאלסט מחלל שבת זיין זאלסטו זיי ניט צו הארכען. אונ

דעסגלייכן

רעסטגלייכן ביי אנדערע מצות . אונ דריבער שטייט אין פסוק (איש) איין מאן (אמו ואביו תיראו) זאל מורא האבין פאר זיין פאטער אונ מוטער . אבער איין אשה קען אמאהל זיין אז זיא איז אויף דעם ניט פארבאטין . דהיינו ווען זיא האט אמאן . האט דער מאן אויף איהר צו באפוילין , קען זיא דאך ניט טוען דעם ווילין פון איהרע עלטערין . נאר פון דעסטוועגין (ואת שבתתי תשמרו) אבער מיינע שבתים זאלט איהר אלע היטען . סיי זכרים סיי נקבות . (אני ה׳ אלהיכם) איך בין דאך דער גאט פון אייך ואלע פון דיא עלטערין אויך . בדארפין זיי דאך אויך היטען מיין באפויל . אונ אויך איז דיא כוונה אין פסוק אזוי . איש וגו׳ יעדער מענטש זאל זעהן מורא צו האבין פאר זיין פאטער אונ מוטער . אונ ווען אויך עס טרעפט זיך אמאהל אז דער מענטש וואס האט מורא פאר זיינע עלטערין , פון דעסטוועגין שטארבט ער אין דיא יונגע יאהרין , זאל דאס אייך קיין קשיא ניט זיין . ווארום (ואת שבתתי תשמרו) עולם הבא ווערט גירופען שבת . אונ בתשמרו איז דער טייטש אבוואהרין . זאגט דער פסוק אהירויז אויף דיא קשיא . דאס מען בארף ווארטין לעולם הבא וואס ווערט גירופען שבת דארט וועט דיזער מענטש נעמין זיין שכר פאר דעם וואס ער האט מקיים גיוועזן דיא מצוה מורא צו האבין פאר דיא עלטערין : (ה) (וכי וגו׳) דער ס׳ עיר גבורים טייטשט אזוי וכי תזבחו זבח ווען איהר וועט וועלין שעכטין איין שעכטונג . דאס מיינט מען דעם יצר הרע וואס דער סוף פון איהם וועט זיין דאס ער וועט ווערין גישאכטין לעתיד לבוא . (שלמים) קענט איהר איהם שעכטין דורך דיא תורה הקדושה וואס ווערט גירופען שלמים וויל זיא מאכט שלום אויף דיא וועלט (לה׳) וואס זיא גיהער צו גאט . (לרצנכם תזבחהו) צו אייער ווילען זאלט איר איהם שעכטין . דיא ברירה איז ביי אייך מען נייט אייך ניט : (ו) (ביום זבחכם) אונ אין דעם טאג וואס איהר לערינט דיא תורה . וואס מיט דעם שעכט איהר דעם יצר הרע . (יאכל) וועט ער ווערין תיכף פארצערט . אונ ווען דוא וועסט פרעגין ווען וועסטו נעמין דעם שכר פאר דעם וואס דוא לערינסט . זאגט דער פסוק (וממחרת) צו מארגען דאס מיינט מען נאך דעם טויט בעולם הבא . (והנותר עד יום השלישי) אונ דער מענטש וואס וועט זיך איינרעדין אז בעולם הבא וואס ווערט גרופין דער דריטער טאג [ווארום ווען מען לעבט בעולם הזה ווערט עס גירופין דער ערשטער טאג . אונ נאך דעם ווען ער שטארבט הייסט עס דער צווייטער טאג . אונ עולם הבא הייסט דער דריטער טאג] וועט ער טוען מצות . זאגט דער פסוק (והנותר) דער מענטש וואס וועט וועלין איבער לאזען זיינע מעשים טובים צו טוען (עד יום השלישי) בעולם הבא . (ישרף באש) וועט ער פארברענט ווערין דורך דאס פייער פון גיהנם : (ז) (ואם האכל יאכל) אונ ווען דער מענטש וועט וועלין אויף עסין זיין שכר בעולם הזה . וועט ער זיך גורם זיין אז (ביום השלישי פגול הוא) אום דריטען טאג דאס איז עולם הבא . וועט ער זיין אונווערדיג . ער וועט ניט האבין מיט וואס זיך דארט צו ווייזין . (לא ירצה) דאס איז ניט בווילגט : (ט) (ובקצרכם וגו׳) . דער אור פני משה טייטשט אזוי . דיא גמרא זאגט (זכה נוטל חלקו וחלק חבירו בג״ע) ווען דער מענטש איז זוכה כלומר ער טוהט מעשים טובים נעמט ער זיין חלק אונ אויך זיין חברס חלק אין גן עדן . ווארום יעדער מענטש האט דאך אחלק אין גן עדן . אונ ווען דער מענטש טוהט חלילה איין עבירה וואס דורך דעם פארלירט ער זיין חלק אין גן עדן . נעמט עס צוא זיין חבר דער צדיק . קען דאך זיין ווען איינער וועט זעהן אז זיין חבר וויל טוען איין עבירה וועט ער איהם גאר ניט שטראפין פון וועגן

ער

ער זאל צו נעמען זיין חלק אין גן עדן. זאגט דא דער פסוק אז דער מענטש זאל דאס ניט טוען. ווארום ער וועט נאך דורך דעם זיין חלק אויך פארלירען. אונ עס שטייט אין פסוק (וקצרו לפי חסד) איהר וועט שניידען נאך אייערע חסדים נאך. כלומר איהר וועט נעמען אייער שכר אין גן עדן נאך אייערע גוטע מעשים נאך. געפונען מיר אז דאס געמוזנג שכר בעולם הבא ווערט גירופען מיט דעם נאמען קצירה. דאס איז דיא כוונה אין דעם פסוק (ובקצרכם) ווען איהר ווילט דאס איהר זאלט האבען וואס אפ צו שניידען בעולם הבא שכר, זאלט איר זעהן (את קציר ארצכם) אז איהר זאלט שניידען דאס שנית פון אייער אייגענעם גוף כלומר איהר זאלט נעמען שכר פאר אייערע אייגענע מצות וואס איהר זעלבסט האט גטוען מיט אייערע גופים וואס ער איז פון ערד. דוא זאלסט ניט וועלין נעמען דיין חברס חלק דורך דעם וואס דוא וועסט איהם לאזין טוען שלעכטס, נאר דוא זאלסט איהם שטראפען אונ אים ניט לאזין טוען קיין שלעכטס, דורך דעם (לא תכלה פאת שדך לקצר) וועסטו ניט פארלענדין דעם עק פון דיין פעלד צו שניידין, כלומר דוא וועסט דיין שכר ניט פארלירען. אבער ווען דוא וועסט דעם חבר ניט שטראפין פון וועגין דעם אז דוא זאלסט נעמין זיין חלק. וועסטו גורם זיין (ולקט קצירך לא תלקט) אז דאס אויפקלייבונג פון דיין שנית וועסטו ניט אפ קלייבין, כלומר דיין שכר פאר דיינע מצות וועסטו אויך היזק האבין: אויך קען מען טייטשין דאס ווארט לא תכלה, דוא זאלסט ניט גלוסטין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק (תהלים קי"ט) (כלתה לתשועתך נפשי) מיין נפש גלוסט צו דיין הילף. איז דיא כוונה אין דעם פסוק (לא תכלה פאת שדך לקצר) זאלסט ניט גלוסטין דעם עק פון דיין פעלד אבצושניידין כלומר דיין חברס חלק בעולם הבא וואס עס איז לעבין דיין פעלד זאלסטו ניט גלוסטין. ווארום דורך דעם (ולקט קצירך לא תלקט) וועסטו דיין חלק שכר אויך ניט נעמין: (וכרמך לא תעולל) דער אור פני משה טייטשט ע"פ רמז אזוי, דער מענטש זאל ניט פארלאנגען זיין שכר פאר זיינע מצות צו נעמין בעולם הזה ווארום דורך דעם בלייבט איהם וויניגער בעולם הבא. דאס איז דער פסוק מרמז (וכרמך) דיין ווייגארטין פון עולם הבא (לא תעולל) זאלסטו ניט וועלין אין גאנצין אפקלייבין בעולם הזה (ופרט כרמך) אונ דאס אבפאלונג פון דיין ווייגארטין (לא תלקט) זאלסטו אויך ניט וועלין דערהאלטין בעולם הזה. נאר (לעני) פון וועגין דיא נשמה וואס זיא איז ארום (ולגר) אונ אויך וועגין גוף וואס ווען ער ליגט אין קבר איז ער גלייך וויא איין גר (תעזוב אתם) זאלסטו דיין שכר איבער לאזין. אונ זאלסט זיך ניט מצער זיין אויף דעם וואס דוא לעבסט הי' צער בעולם הזה. ווארום (אני ה') איך בין גאט אבעל רחמים (אלהיכם) ווען אויך אייך דאכט אז דאס איז אשטראף אבער באמת איז דאס פאר דעם מענטשין אטובה ווארום דער עיקר פון מענטש איז דאך נאר בעולם הבא: (יא) (לא תגנבו) איהר זאלט ניט גנבינען ווארום דאס איז נאך ערגער וויא גזלינען. ווארום גזלינען איז ער דאך מודה אז גאט זעהט עס. אונ ווען ער גנבית ווייזט עס דאך אויס וויא ער מיינט אז גאט ברוך הוא זעהט ניט. זאגט דער פסוק (ולא תכחשו ולא תשקרו איש בעמיתו) פארוואר ווען איינער מאנט ביא זיין חבר אז עס קומט איהם פון איהם געוויס עפיס געלד. איז דאך געוויס אז זיין חבר קען איהם ניט אפלייקינען. מכל שכן וויא קענט איהר פאר מיר גאט וועלין לייקינען, וואס איך ווייס דאך אלם. אויך איז דיא כוונה (לא תגנבו) איהר זאלט ניט גנבינען (ולא תכחשו) אונ איהר זאלט ניט לייקינען (ולא תשקרו) אונ זאלט ניט

פאלשין

פאלשין. (איש בעמיתו) דיא זאכין טוהט איין מענטש אנטקעגין זיין חבר. קען אנדערש ניט העלפין קיין תשובה נאר ווען ער גיט אוועק זיין חבר וואס ער האט ביא איהם גיגנבת אדער גילייקינט. אבער: (יב) (ולא תשבעו בשמי לשקר) איך פארזאג אייך אז איהר זאלט ניט שווערין אין מיין נאמין צו פאלש. נאר פון דעסטוועגין (וחללת את שם אלהיך) ווען דוא האסט שוין פאלש גישווארין אונ דוא האסט גורם גיוועזן צו חילול השם. (אני ה') בין איך אבעל רחמים אונ ווען דוא וועסט טוען תשובה וועל איך זיך אויף דיר מרחם זיין: נאך קען מען טייטשין (וחללת את שם אלהיך) דו מענטש מיינסט אפשר אז דוא מיט דיין פאלשע שבועה פארשוועכסטו דעם נאמין פון דיין גאט. ניין. (אני ה') איך בין דער זעלביגער גאט. מיר טוהסט דוא גאר ניט. נאר דיר זעלבסט טוהסט דוא. דוא וועסט ווערין פאר דעם גישטראפט: (יג) (לא תעשק את רעך) זאלסט ניט פארלאנגען דעם שכר פון דיינע מצות בעולם הזה. ווארום דורך דעם וועסטו בארויבין דיין נשמה זיא וועט האבין ווייניגער שכר בעולם הבא. (ולא תגזל) אונ זאלסט דיא נשמה ניט בגזלינען. (ולא תלין) אונ זאלסט ניט מורמלען אויף גאט וואס ער גיט דיר ניט (פעלת שכיר) דיא לוין פון דיין ארבייט. ווארום (אתך) עס איז תמיד מיט דיר גרייט צו נעמין. נאר (עד בקר) מען באהאלט עס פון דיינעט וועגין ביז אין דער פריא דאס מיינט מען עולם הבא: (יד) (לא תקלל) דוא זאלסט דיין חבר ניט שעלטין, אונ ווען אויך ער רעדט דיר שלעכטס. (חרש) מאך דיר גלייך וויא טויב, גלייך וויא דוא הארכסט ניט זיינע שלעכטע רייד. (ולפני) אונ פריער איידער דוא נעמסט זיך מיט דיין חבר קריגען (עור) רעכין זיך וויא דוא ביסט בלינד גלייך וויא דוא זעהסט גאר ניט דיין חבר וואס רעד דיר שלעכטס. אונ ווען דוא וועסט זיך אזוי פירין (לא תתן מכשל) וועסטו צו זיך ניט געבין קיין שטרויכלונג. דוא וועסט קיין מאל ניט טוען קיין שלעכטס. (ויראת מאלהיך) אונ דאריבער ווען דוא וועסט מורא האבין פאר דיין גאט. ווען עס וועט חלילה זיין אשטראף אויף דיא וועלט פון מדת הדין. זאלסטו קיין מורא ניט האבין. ווארום (אני ה') איך בין אבעל רחמים: (טו) (לא תעשו עול) דאס ווארט עול קען מען לייגען ארויף אונ אראפ. כלומר (לא תעשו עול) איהר זאלט ניט טוען קיין אונרעכט. (עול) אונ ווען דער יצר הרע וואס רעד דיר אן צו טוען אונרעכט קומט צו דיר. זאג איך דיר (במשפט) דוא באדארפסט מאכין איין משפט צווישען דעם יצר הרע וואס רעד דיר אן יוא צו טוען דאס אונרעכט אונ צווישען דעם יצר טוב וואס רעדט דיר אפ פון צו טוען דאס אונרעכט. (לא תשא) זאלסט ניט אוועק טראגין (פני דל) דאס פנים פון דעם יצר טוב וואס ער איז איין ארימאן. ער האלט זיך ניט גרויס ביא זיך (ולא תהדר פני גדול) אונ זאלסט ניט באשיינען דאס פנים פון דעם יצר הרע וואס ער איז גרעסער אונ פריער פון דעם יצר טוב. (בצדק תשפט עמיתך) זאלסט זיך ריכטען מיט דעם יצר הרע פון וועגין צו מאכין גירעכט דיין גיזעלין דאס איז דיא נשמה. כלומר דוא זאלסט ניט צו הארכין צום יצר הרע. פון וועגין עס זאל גוט זיין דיין נשמה בעולם הבא. אונ דורך דעם: (טז) (לא תלך רכיל בעמך) וועסטו נאך דיין טויט ניט באדארפין נאך אמאהל מגולגל ווערין. דאס דוא זאלסט באדארפין נאך אמאהל זיין מיט דיין פאלק וואס רעדין רכילות. אונ (לא תעמד על דם רעך) וועסט ניט באדארפין שטיין וויא דאס בלוט פון דיין אנדערין גלגול ווערט פארגאסין. (אני ה') איך בין גאט אבעל רחמים איך וועל זיך אויף דיר מרחם זיין אונ דיר העלפין פון דעם יצר הרע: (יז) (לא תשנא את אחיך

בלבבך

בלבבך) זאלסט ניט פיינט האבין דיין ברודער אין דיין הארץ ווען אויך דוא זעהסט אז ער טוהט שלעכט. נאר (הוכח תוכיח את עמיתך) זאלסט דיין חבר פריער פיל מאל אויסשטראפין. אונ ווען ער וועט דיר ניט הארכין דאמאלס קענסטו איהם שוין פיינט האבין. אונ ווען דוא קומסט איהם שטראפין בדארפסטו זעהן (ולא תשא עליו חטא) אז דוא זאלסט ניט אויף דיר טראגין דיא זינד וואס עס איז אויף איהם. ווארום ווען דוא זעלבסט טוהסט דיא זינד וועט ער דאך ניט מקבל זיין דיין שטראף פון דיר. ער וועט צו דיר זאגין וואס שטראפסטו מיר שטראף דיר זעלבסט. אויך איז דער טייטש דוא זאלסט דיין חבר שטראפין אונ דאריבער (ולא תשא עליו חטא) וועסטו ניט ליידין פון וועגין זיין זינד קיין עונש. אבער ווען דוא קענסט איהם שטראפין אונ שטראפסט איהם ניט וועסטו אויך ליידען שטראף פאר זיין זינד: (כג) (וכי תבאו אל הארץ) אונ ווען איהר וועט קומען קיין ארץ ישראל. (ונטעתם כל עץ מאכל) אונ איהר וועט פארפלאנצין אלע בוימער וואס אויף זיי וואכסט פרוכט (וערלתם ערלתו את פריו) זאלט איהר פארשטאפין זיינע פרוכט ניט צו עסין. (שלש שנים יהי' לכם ערלים לא יאכל) דריי יאהר זאל זיין צו אייך פארשטאפט עס זאל ניט ווערין גיגעסין. זאגט דער ס' נחל קדומים דער טעם פון דעם איז ווייל דיא בוימער זענין בשאפין גיווארין אום דריטען טאג האט מען דאך דריי טעג קיין פרוכט ניט גיגעסין. דריבער האט גאט פארזאגט אז אנטקעגין יעדערין טאג זאל זיין א יאהר דאס מען זאל דיא פרוכט ניט עסין: דער מדרש טייטשט דעם פסוק אויף דעם קינד. דאס דיא ערשטע דריי יאהר פון זיין געבאהרען איז ער פארשטאפט. כלומר ער קען נאך ניט רעדין: (כד) (ובשנה הרביעית) אונ אום פערדין יאהר (יהי' כל פריו קדש) דארף דער פאטער

איהם היילינען פון גאטס וועגין (הלולים לה׳) מען דארף איהם אנהויבין צו לערנין ער זאל קענין גאט לויבין: (כה) (ובשנה החמישית) אונ אום פינפטין יאהר (תאכלו את פריו) וועט איהר עסין זיין פרוכט. כלומר איהר וועט שוין פון איהם האבין פארגעניגען. (להוסיף לכם תבואתו) אונ איהר בדארפט צו זעהן אז פון דאמאלס אן זאל מען איהם אלע מאהל מער לערנען. אונ איבער דעם שטייט (להוסיף לכם תבואתו) איז דער טייטש צו מערין צו אייך זיין תבואה. איז דיא כוונה אז דורך דעם וואס דאס קינד לערינט תורה אלע מאל מער וועט עס גורם זיין עס זאל ביי אייך פארמערט ווערין אייער פרנסה. (אני ה׳ אלהיכם) איך בין אייער גאט: (כו) (לא תאכלו על הדם) דער ס' נחל קדומים זאגט. אז דיא ווערטער (על הדם) באטרעפט הונדערט ניין אונ פערציג. (דאס ווארט (על) דיא ע' באטרעפט זיבציג. אונ דיא ל' באטרעפט דרייסיג. איז הונדערט. אונ דאס ווארט (הדם) דער ה' איז פינף. דער ד' איז פיער. דער מ' איז פערציג. איז עס באזאמען הונדערט ניין אונ פערציג). אונ דיא ווערטער (זה בלא נטילה) באטרעפט אויך הונדערט ניין אונ פערציג. (דאס ווארט (זה) דער ז' איז זיבען, דער ה' איז פינף. אונ דאס ווארט (בלא) דיא ב' איז צוויי. דיא ל' איז דרייסיג. דיא א' איז איינס. אונ דאס ווארט (נטילה) דיא נ' איז פופציג. דיא ט' איז ניין. דיא י' איז צעהן. דיא ל' איז דרייסיג. דיא ה' איז פינף. איז עס באזאמען הונדערט ניין אונ פערציג) אונ דיא ווערטער (זה בלא נטילה) איז דער טייטש. דאס מיינט מען אום גיוואשין דיא הענד. איז דיא כוונה פון דעם רמז פון דעם פסוק אזוי. (לא תאכלו על הדם) איהר זאלט ניט עסין אום גיוואשין די הענד. אויך דאס ווארט (הדם) בטרעפט ניין אונ פערציג. (דער ה' איז פינף. דער ד' איז פיער. דער מ' איז פערצינ) קומט

עס צו ווייזן אז מען טאר ניט עסן ביז מען טוט פריער זאגן ניין און פערציג ברכות
היינו ווען מען שטייט אויף זאגט מען (על נטילת ידים) און (אשר יצר) און דריי
ברכות התורה. און (אלהי נשמה). און דערנאך זעכצין ברכות פון (הנותן לשכוי
בינה) ביז (הגומל חסדים טובים) און (ברוך שאמר) און (ישתבח) און דריי ברכות
פון קריאת שמע, איז אכט און צוואנציג. און ניינצין ברכות פון שמונה עשרה
איז זיבן און פערציג. און על נטילת ידים ווען מען וואשט זיך צום עסן, און ברכת
המוציא, איז באזאמען ניין און פערציג. קומט דער רמז פון דעם ווארט (הדם) צו
ווייזען, ווען ער עסט פריער איידער ער זאגט ניין און פערציג ברכות. וועט ער
ווערין גישטראפט אויף זיין בלוט דאס איז דאס לעבין: אויך קומט דאס ווארט (הדם)
וואס עס באטרעפט ניין און פערציג צו ווייזן אז מען טאר ניט עסן ביז מען לערינט
תורה וואס זיא ווערט גידרשנת אין ניין און פערציג פשטים. איבער דעם האבין דיא
חכמים מתקן גיווען אין דעם דאווינען צו זאגין דיא פסוקים פון דיא תורה. און
משניות איזהו מקומן און גמרא דאס איז דיא ברייתא פון ר' ישמעאל:

(לב) (מפני שיבה תקום) פאר איין גראהין מענטש זאלסטו אויפשטעהן. דהיינו ווען
דוא זיצט און דוא זעהסט אז איין גאנץ אלטער מאן שטייט און עס איז דאך
דאס פאר איהם שווער בדארפסטו זיך תיכף אויפשטעלין פון דיין ארט און איהם
בעטין זיצין, דוא דארפסט איהם גאר ניט פריער אנפרעגין. (והדרת פני זקן) און ווען
עס קומט פאר דיר איין אלטער מאן גאר ער איז נאך ניט אזוי פיל אלט. בדארפסטו
איהם באשיינען און איהם פרעגין צו ער וויל זיך זעצין. דאמאלס ווען ער וועט זאגין
יא זאלסטו איהם לאזין זיצן אויף דיין ארט. און דער רמז פון דעם פסוק איז אזוי
(מפני שיבה) פריער ווען דוא ווערסט גראה (תקום) זאלסטו זיך אויפשטעלין דו זאלסט
נעמין זיך צו טוען מצות ומעשים טובים. (והדרת פני זקן) און דוא זאלסט זעהן
באשיינען דיא יאהרין וואס עס איז פאר דיא עלטערע יאהרין. כלומר תיכף אין דיא
יונגע יאהרין צו נעמין זיך צו תורה און מצות ומעשים טובים. ניט אפווארטין אויף
דיא עלטער (ויראת מאלהיך אני ה') און דוא זאלסט מורא האבין פאר מיר דיין גאט:

(לג) (וכי יגור אתך גר בארצכם) און ווען עס וועט מיט דיר וואהנען איין גר אין דיין
לאנד. (לא תונו אותו) זאלט איהר איהם ניט גינארין. זאגט רש"י אז דאס
מיינט מען (אונאת דברים) אז מען טאר איהם ניט רעדין קיין שלעכטע רייד. (לא
תאמר לו אמש היית עובד ע"א ועכשיו אתה בא ללמוד תורה) דו זאלסט צום גר ניט
זאגין, פריער האסטו געדינט דיא עבודה זרה און יעצט קומסטו צו לערנין תורה.
איז דאך דיא קשיא דאס ווערט דאך ניט גירופען גענארין. דאס ווערט גאר גירופין
ער רעד איהם שלעכטע רייד. און אויך וואס גינארט ער איהם עס איז דאך טאקע
אמת. זאגט דער ס' נחל קדומים. אז דיא כוונה אין רש"י איז אזוי. (לא תאמר וכו')
דוא זאלסט דעם גר ניט נארין און איהם זאגין מיט חנופה. וויא שעהן און גוט איז
דיינע מעשים. וואהל איז דיר וואס דוא האסט דיר אזוי באקלערט צו טוען. (אמש
וכו') פריער ביסטו גיוועזן אעובד עבודה זרה. און יעצט ביסטו גאר א עובד דעם
באשעפער פון דיא וועלט און לערינסט זיין היילינגע תורה. ווען דער גר הערט דיא
רייד פון דיר מיינט ער געווים אז דוא מיינסט איהם מיט דיא רייד כבוד אפצוטוען.
און אבער באמת מיינסטו גאר איהם צו דערמאנען זיינע פריערדינע מעשים רעים.
דאס ווערט גירופען (אונאה) גענארין. פארזאגט דיא תורה אז דאס טאר מען ניט:

והתקדשתם

**כ** (ז) (והתקדשתם והייתם קדשים) אונ איהר זאלט זיך היילגען אונ זאלט זיין הייליג. איז דאך דיא קשיא. **דאס** ווייסט מען דאך אליין ווען מען ווערט זיך היילגען וועט מען זיין הייליג. זאגט דער ס׳ כתנות אור אזוי. דער זוהר הקדוש זאגט ווען א מענטש טוהט איין עבירה רוהט אויף איהם א רוח הטומאה. אונ ווען ער באוואהנט אין דיא צייט מיט זיין ווייב אונ זיא ווערט טראגין אונ האט אבן זכר רוהט אויף דעם קינד אויך דער רוח הטומאה אונ דאס קינד ווערט א רשע. אונ דעסגלייכען פארקערט ווען דער מענטש טוהט מצות רוהעט אויף איהם א רוח קדושה. אונ ווען ער באוואהנט אין דיא צייט מיט זיין ווייב אונ זיא האט אבן זכר רוהט אויף דעם זון אויך א רוח קדושה אונ דאס קינד איז א צדיק. אונ דיא גמרא זאגט אויף דעם פסוק (ואת אביה היא מחללה) ווען דיא טאכטער פון כהן איז מזנה איז זיא גורם אז איהר פאטער ווערט גישענד. מען איז איהם דורך איהר מבזה. דאס איז דיא כוונה אין דעם פסוק (והתקדשתם) איהר זאלט זעהן זיך צו היילגען איהר זאלט טוען מצות. דורך דעם ווען איהר וועט באוואהנען מיט דיא ווייבער וועט איהר אויף דעם קינד וואס זיא וועט אייך גיבאהרין. ארויף ציען א רוח קדושה. (והייתם קדשים) וועט איהר בלייבין אין אייער הייליגקייט, איהר וועט נים ווערין מבוזה. ווארום ווען חלילה פארקערט ווען אויף דעם קינד רוהט דער רוח הטומאה אונ עס טוהט שלעכטע מעשים ווערט דורך דעם זיין פאטער מבוזה:

# פרשת אמור

**כא** (יא) ויאמר וגו׳ דער אור פני משה טייטשט אזוי (ויאמר ה׳ אל משה) אונ גאט זאגט צו משה. (אמור אל הכהנים) זאג צום כלל ישראל וואס זייא ווערין גירופין כהנים. [אזוי וויא עס שטייט אין פסוק (ואתם תהיו לי ממלכת כהנים) אונ איהר כלל ישראל וועט בייא מיר זיין איין קיניגרייך פון הארין. געפונין מיר אז דער כלל ישראל ווערט גירופען כהנים]. (בני אהרן) איהר כלל ישראל ברעכינט אייך נאר גוט וואס עס איז גיטוען גיווארען צו אהרן׳ס צוויי קינדער נדב ואביהו דאס זייא זענין פארברענט גיווארין ווייל זיי זענין נים געהיט גיוועזין צו טוען וויא גאט האט באפוילין. באדארפט איהר אויך זעהן זעהר פיל זיך צו היטען צו ערפילען גאטס באפויל. אונ ריכטיג אבהיטען זיין פארזאג. אונ ווען דיינע רייד וועלין אום ערעטין מאהל נים פועל זיין (ואמרת אליהם) זאלסטו צו זייא נאך אמאל זאגין. אונ ווען חלילה דער גאנצער כלל וועט נים צו הערין. אבער אומוויניגסטען (לנפש) צו איין מענטש וועסטו פועל זיין (לא יטמא) אז ער זאל זיך נים פאראונריינגען דורך עבירות. (בעמיו) אין זיין פאלק. כלומר פון דעם גאנצין כלל וועט זיך אלעם געפונען איינציגע מענטשין וואס וועלין יוא צו הארכין צו דיינע רייד: (ב) (כי אם לשארו) אונ אויך זאלין זייא וויסען אז עס איז נים גינוג מיט דעם אליין וואס זיי וועלין זיך היטען פון צו פאראונריינגען. נאר זייא באדארפין נאך זעהן צו טוען מעשים טובים פון וועגין דיא נשמה וואס זיא ווערט גירופען (שארו) זיין נאכבלייבונג. דאס ווען דער גוף שטארבט בלייבט דיא נשמה. (הקרב אליו) וואס זיא איז תמיד זעהר נאהינט צו איהם צום גוף. א מענטש באדארף צו זיין (סור מרע) אפצוקערין פון שלעכטס (ועשה טוב) אונ אויך צו טוען גוטס. ער באדארף לערנין תורה אונ טוען מצות פון וועגין דיא נשמה. אונ ווען

דער יצר הרע וועט קומען צום מענטש און איהם זאגין. וואס איז דער תכלית דיינער פון דעם וואס דוא זיצט אין בית המדרש און לערינסט. דוא האסט דאך דריבער נים קיין פארמעג. גיי בעסער אין גאס וועסטו פארדינען אסך געלד וועסטו האבין פאר זיך און אויך וועסטו האבין צו געבין (לאמו ולאביו ולבנו ולבתו ולאחיו) צוא דיא מוטער און צום פאטער און צום זאהן און צוא דיא טאכטער און צו זיין ברודער: (ג) (ולאחתו הבתולה) און צו דיא שוועסטער דיא בתולה (הקרבה אליו) וואס זיא איז דאך גאהינט צו איהם. (אשר לא היתה לאיש) וואס זיא האט נאך נים קיין מאן. ווייל זיא האט נים קיין געלד מיט וואס חתונה צו האבין בדארפסטו זעהן גיין פארדינען וועסטו קענין זייא העלפין און וועסט דאך נאך האבין א מצוה אויך. זאגט אבער דער פסוק (לה) צו איהר צו דיא נשמה (יטמא) וועט ער אבער דורך דעם פאראונרייניגען. ווארום ווען ער וועט וועלין האבין פיל פארמעג וועט ער שוין מוזין באנוצין שלעכטס צו טוען: און נאך קען מען טייטשין (ויאמר וגו׳) גאט זאגט צו משה (אמר וגו׳ ואמרת וגו׳) זאג צום כלל ישראל (לנפש לא יטמא) יעדער מענטש בדארף זעהן ער זאל זיין נפש דאס איז דיא נשמה, נים מטמא זיין (בעמיו) דורך זיין פאלק דאס מיינט מען דורך זיינע אברים. כלומר ער זאל נים צו הערין צום יצר הרע וואס הייסט איהם נאר הארעווען וועגין עולם הזה וואס פון דעם האבין נאר הנאה דיא אברים, און דורך דעם פאראונרייניגטער דיא נשמה: (ג) (כי אם לשארו) דער מענטש באדארף נאר זעהן עוסק זיין וועגין דיא נשמה. (לאמו ולאביו) ער זאל תמיד לערנין תורה און טוען מצות ומעשים טובים. פון וועגין אז השי״ת וואס ווערט גירופען דער פאטער זאל זיין ביי זאמען מיט דיא כנסת ישראל וואס ווערט גירופין דיא מוטער. (ולבנו ולבתו) און באדארף זעהן צו טוען מצות עשה (וואס ווערין גערופין בנים. אזוי וויא דיא זכרים טוען. אזוי ווערין דיא מצות גיטוען) און זיין געהיט נים עובר צו זיין אויף דיא מצות לא תעשה (וואס ווערין גערופין בנות. אזוי ווי דיא נקבות טוען נים. אזוי ווערין דיא מצות גיט גיטוען). (ולאחיו) און בדארף אויך זעהן אז זיין ברודער זאל זיך אויך אזוי נוהג זיין: (ז) (אשה וגו׳) דער זוהר הקדוש זאגט אז דאס וואס גאט ברוך הוא האט בשאפין דעם יצר הרע איז עס פון מענטשינס טובה וועגין. און דער זוהר זאגט אויף דעם אמשל. וויא אמלך האט גיהאט איין איינציגען זין. און דער מלך האט גיוואלט וויסען צו ער פיהרט זיך ארינטליך האט ער גיזאגט צו איין זונה זיא זאל גיין צו זיין זין און איהם איינרעדין ער זאל מיט איהר מזנה זיין, און ווען ער הארכט איהר נים ווערט ער ביי דעם מלך זעהר טייער. אזוי דער יצר הרע אויך. השי״ת האט איהם באשאפין פון וועגין ער זאל דעם מענטש איינרעדין צו טוען שלעכטס. און ווען דער מענטש הערט איהם נים ווערט דער מענטש ביי השי״ת זעהר טייער. דאס זאגט דער פסוק (אשה זונה) דאס מיינט מען דעם יצר הרע וואס ווערט געגליכען צו איין אשה זונה. (וחללה) וואס דורך איהם קען מען ווערין פארשוועכט ווען מען הארכט איהם יוא חלילה און מען טוהט שלעכטס. (לא יקחו) זאלין זייא נים נעמין. זיי זאלין איהם נים צו הערין. ווארום דורך דעם קען זיין (ואשה) אז דיא נשמה וואס זיא איז גלייך וויא איין אשה צום גוף (גרושה מאשה) וועט חלילה ווערין אוועק געטריבען פון איהר מאן. דאס איז דער גוף כלומר ער וועט חלילה שטארבין. אויך קען מען טייטשין. (מאישה) פון איהר מאן דאס מיינט מען השי״ת. דריבער (לא יקחו) זאלין זיי זעהן זיי זאלין זיך נים נעמין צו טוען דאס שלעכטס וואס דער יצר הרע רעדט

אן

אן צו טוען. (כי קדש הוא לאלהיו) ער זאל נאר זעהן צו טוען מעשים טובים דאס
ער זאל זיין הייליג צו זיין גאט: (ח) (וקדשתו) אונ ווען דער יצר הרע קומט דיר
אנרעדין, דארפסטו זעהן אז דיא זאכין וואס ער רעדט דיר אן. זאלסטו דאס באגוצין
צו הייליגקיים. למשל ווען ער רעדט דיר אן צו עסין צו טרינקען זאלסטו עסין אונ
טרינקען פון וועגין צו האבין כח צו לערנין. אונ זאלסט ניט זאגין עס וואלט בעסער
גיוועזן אז דער יצר הרע וואלט גאר ניט גיוועזן. (כי את לחם אלהיך היא מקריב)
וואראום געוועליכע שפייז מאכט ער צו דיר גינעהענען. כלומר דורך איהם וועסטו נעמין
שכר בעולם הבא. דוא וועסט נהנה זיין פון זיו השכינה. אונ ווען דוא וועסט דעם
יצר הרע ניט הערין צו שלעכטס. נאר ווען אויך דוא וועסט איהם יוא הערין וועט
דיין כוונה נאר זיין צו טוען אזעלכע זאכין וואס מען בדארף עס טוען פון גאטס וועגין.
(קדש יהיה לך) וועט ער דער יצר הרע זיין ביי דיר הייליג. כלומר ער זעלבסט וועט
דיר נאר אנרעדין צו גוטס. אונ אויך זאלסטו וויסען אז (כי קדוש) דאס וואס דוא
ביסט הייליג אונ האָרכסט ניט דעם יצר הרע צו שלעכטס. קומט עס צו דיר ווייל
(אני ה' מקדשכם) איך גאט העלף דיר צו זיין הייליג. דאס דוא זאלסט דעם יצר הרע
ניט הערין צו שלעכטס: (ט) (ובת איש כהן) אונ ווען חלילה דוא וועסט יוא אנהייבין
צו הערין דעם יצר הרע צו שלעכטס. קען דאך חלילה זיין. אז דיא מאכטער פון
השי"ת [וואס ווערט גירופין איש אונ ווערט גירופין כהן]. דאס מיינט מען דיא נשמה
וואס זיא איז אחלק אלוה. (כי תחל לזנות) ווען זיא וועט חלילה אנהויבין אפ צו
קערין פון גאט ברוך הוא (את אביה היא מחללת) שענט זיא דאך איהר פאטער
השי"ת (באש תשרף) וועט זיין איהר עונש אז זיא וועט ווערין פארברענט אין פייער פון
גיהנם חלילה: דער ס' עיר גבורים טייטשט דיא פסוקים ע"פ רמז אזוי. (ו) (קדושים)
דיא תלמידי חכמים וואס לערנין דיא תורה הקדושה ווערין גרופין קדשים הייליגע.
אזוי וויא יעדער בעל מלאכה ווערט גירופין מיט דעם נאמין פון זיין ארבייט. אזויא
דיא תלמידי חכמים וואס זייער מלאכה איז נאר דיא תורה וואס זיא ווערט גירופען
תורה הקדושה הייליגע תורה. ווערין זייא אויך גירופען קדשים הייליגע. פארזאגט דער
פסוק אז דיא תלמידי חכמים וואס ווערן גרופן קדשים (יהיו לאלהיהם) זאלין זיי זיין צו זייער
גאט כלומר זיי זאלין לערנין תורה לשמה ווייל גאט האט אזוי בפוילין. אונ זאלין זיך
פירען אין דרך הישר פון וועגין (ולא יחללו שם אלהיהם) זייא זאלין ניט גורם זיין
מיט זייערע מעשים אז מען זאל דורך זיי מבזה זיין גאטס נאמין. וואראום ווען דיא
תלמידי חכמים טוען שלעכטס פארקוקען זיך אויף זיי אלע מענטשין אונ טוען אויך
שלעכטס. חערט דאך גאטס נאמין גישענט. (כי את אשי ה' לחם אלהיהם הם
מקריבים) וואראום זיי זענין דאך מקריב דיא פייער אפפער צו גאט. דאס מיינט מען
זיי לערנין דאך גאטס תורה דריבער (והיו קדש) באדארפין זיי זיין הייליג: (ז) (אשה
וגו') ווען דער תלמיד חכם לערינט ניט די תורה לשמה. ווייל גאט האט באפוילין. נאר
ער לערינט גאר פון גאוה וועגין אדער פון געלד וועגין. אבער ער מיינט ניט פון
וועגין ער זאל וויסין וועלכע מצות יוא צו טוען אונ פון וועלכעס זאל ער זיך אפשיידן
ניט צו טוען. ווערט זיין תורה גירופין איין אשה זונה. אזוי וויא ווען איינער איז
מזנה מיט אזונה, איז דאך זיין כוונה ניט פון וועגין קינדער צו האבין, נאר זיין
תאוה נאך צו געבין. אזוי דער תלמיד חכם וואס לערינט ניט תורה לשמה מיינט ער
דאך גאר פון זיין תאוה וועגין. פארזאגט דער פסוק צוא דיא תלמידי חכמים אשה

זיא תורה (זונה) ניט לשמה (וחללה) וואס דאס איז פארשוועכט. (לא יקחו) זאלין זייא ניט נעמין (ואשה גרושה מאישה) אויך זאלין זיי זיך פירען אין דרך הטוב. ווארום ווען ניט וועט זייער תורה ווערין פארטריבין פון הקדוש ברוך הוא. דאס זאגט דער פסוק. (ואשה גרושה מאשה) אונ אזעלכע תורה וואס ווערט פארטריבין פון השי"ת (לא יקחו) זאלין זיי ניט נעמין. (כי קדש הוא לאלהיו) יעדער תלמיד חכם דארף נאר זעהן ער זאל זיין היליג צו זיין גאט: (ח) (וקדשתו) אונ איהר מענטשין זאלט זעהן איהם צו האלטין פאר איין הייליגען מאן. איהר באדארפט דעם תלמיד חכם כבוד אנטוען. (כי את לחם אלהיך הוא מקריב) ער מאכט דאך גינעהנען דיא שפייז פון דיין גאט. כלומר ער לערינט דאך זיין תורה. (קדש יהיה לך) ער זאל זיין צו דיר הייליג. (כי קדוש אני ה׳ מקדשכם) ווארום איך אייער גאט בין הייליג: (ט) (ובת וגו׳) דער אור פני משה טייטשט אזוי. די נשמה איז דאך אחלק אלוה. זאגט דער פסוק (ובת איש כהן). אונ די נשמה וואס זיא איז דיא טאכטער פון השי"ת וואס ווערט גירופען איש אונ כהן. (כי תחל לזנות) ווען זיא וועט נאר אנהויבין אפצוקערין פון השי"ת דורך דעם וואס דער מענטש הערט צום יצר הרע זאל ער וויסען (את אביה היא מחללת) אז ביסלעך וויים וועט ער אלע מאל מער נאכגעהן נאך דעם יצר הרע ביז ער וועט מיט זיינע מעשים רעים כבוזה זיין איהר פאטער השי"ת מיט דעם וואס ער הערט ניט זיינע באפויל. אונ דער סוף וועט זיין (באש תשרף) אז אין פייער פון גיהנם וועט דיא נשמה פארברענט ווערין. אונ דער ס׳ עיר גבורים טייטשט אזוי דעם פסוק (ובת) אונ דיא שטאט ירושלים אונ ציון וואס ווערין גירופען מיט דעם נאמין בת. וואס זיא איז דיא טאכטער (איש כהן) פון השי"ת (כי תחל) ווען זיא וועט ווערין פארשוועכט (לזנות) דורך דעם וואס זיא וועט אפקערין פון גאט (את אביה היא מחללת) אונ מיט איהרע מעשים רעים וועט זיא מאכין אחילול השם. (באש תשרף) דריבער וועט זיא פארברענט ווערין דורך פייער פון שונא: (יג) (והוא וגו׳) דער ס׳ נחל קדומים ברענגט אז דאס ווארט והוא בטרעפט אכטצען. קומט עס צו ווייזין אז ווען דער מענטש איז אלט אכטצען יאהר בדארף ער צו נעמין איין ווייב: (כא) (כל איש אשר בו מום וגו׳) יעדער מענטש פון דיא כהנים וואס האט אין זיך איין מום (איין פעהלער) (לא יגש להקריב את אשי ה׳) זאל ניט גינעהנען מקריב צו זיין אקרבן צו גאט. איז דאך דיא קשיא. וואס איז נעבעך דער כהן שולדיג ווען ער האט אין זיך איין מום. אונ אויך איז דיא קשיא ביא גאט ברוך הוא איז דאך קיינער ניט פאר מיאוסט. פאר וואס איז דער בעל מום פארמיאוסט פון מקריב צו זיין. ענטפערט דער פסוק (מום בו) ווען עס איז אויס ווייניג אויף זיין לייב דא איין מום איז דאס אסימן אז אין איהם אינווייניג איז אויך דא אפעהלער. זיינע גידאנקען זענין פעהלערהאפטיג. זיינע מידות זענין ניט ניט דריבער (את לחם אלהיו לא יגש להקריב) זאל ער ניט גינעהנען מקריב צו זיין אקרבן צו גאט.

וויל גאט האט פיינד דעם וואס ער האט שלעכטע מידות:

(כב) (ב) (דבר אל אהרן ואל בניו) רעד צו אהרן אונ צו זיינע קינדער. וואס זייא

בדארפין שטראפין דיא יודין. (וינזרו) זייא זאלין זיך זעלבסט אבשיידין פון דיא שלעכטע זאכין (מקדשי בני ישראל) ווען זיי קומען צו שטראפין דיא בני ישראל זייא זאלין זיך פירען אין הייליגקייט. בדארפין זייא זיך זעלבסט פריער מוסר זאגין. אונ זיך היטען פון אלע שלעכטע זאכין. אונ דערנאך צו זאגען מוסר דעם אנדערין. (ולא יחללו את שם קדשי) אונ זיי זאלין ניט פארשוועכין מיין הייליגען נאמין דורך זייערע

שלעכטע

שלעכטע מעשים. אונ ווען זייא וועלין מיט זייערע מוסר גורם זיין אז דיא מענטשין זאלין זיך פירען אין גיטען וועג, אונ וועלין טוהן מעשים טובים אשר הם מקדישים לי גלייך ווי זיי האבין זיי גהיילינגט צו מיר מיט זייערע דברי מוסר. (אני ה') איך גאט זאג עס:

(ו) (נפש אשר תגע בו) דער אור פני משה טייטשט אזוי. ווען דער יצר הרע קומט צום מענטש אנרעדין צו טוהן שלעכטס זאל דער מענטש ניט זאגין. עס איז דאך נאר איין מאל. זאל איך איהם דאס מאל הערין. זאגט אבער דער פסוק. ווען דער מענטש וועט זיך נאר עפיס אנרירען אן דעם יצר הרע (וטמאה עד הערב) וועט ער שוין גורם זיין אז זיין נשמה וועט זיין אונריין ביז ער וועט שטארבין. (ולא יאכל מן הקדשים) אונ ער וועט ניט עסין פון די היילינגע זאכין וואס עס איז בעולם הבא. (כי אם רחץ בשרו) נאר ווען ער וועט זיך נעמין צו תשובה אונ וועט זיך אבוואשין פון זיינע עבירות (במים) דורך דיא תורה וואס זיא ווערט גירופען מים: (ז) (ובא השמש וטהר) אונ ווען ער וועט זיך אזוי פירין ביז דיא זון גייט אונטער. דאס מיינט מען ביז ער שטארבט וועט ער אלס זיין ריין. אונ וועט ניט טוהן קיין שלעכטס. (ואחר יאכל מן הקדשים) דערנאך וועט ער שוין עסין פון דיא היילינגע זאכין (כי לחמו היא) ווארום עס איז דאך זיין ברויט ער האט עס פארדינט מיט זיינע מעשים טובים: (יב) (ובת כהן) אונ דיא נשמה הקדושה וואס זיא איז דיא טאכטער פון השי"ת וואס ער ווערט גירופין כהן. (כי תהיה לאיש זר) ווען זיא וועט אפקערין פון השי"ת אונ וועט זיך באהעפטין צו איין פרעמדין מאן דאס מיינט מען צום יצר הרע. זיא וועט איהם צו הערין. (היא בתרומת הקדשים לא תאכל) וועט זיא גישטראפט ווערין, אז בעולם הבא וועט זיא ניט נהנה זיין פון דיא היילינגע תרומה דאס מיינט מען זיו השכינה:

(יג) (ובת כהן) אונ ווען דיא נשמה (כי תהיה אלמנה) וועט זיין איין אלמנה. אזוי ווי איין אלמנה האט ניט קיין מאן וואס ער זאל איהר שפייזין. אזוי האט דיא נשמה ניט ווער עס זאל איהר געבין שפייז. כלומר ווען דער גוף טוהט ניט קיין מצות ומעשים טובים, וואס דורך דעם נעמט דיא נשמה איהר שכר בעולם הבא. אונ ווען דער מענטש טוהט ניט קיין מצות איז ער גורם (וגרושה) אז דיא נשמה ווערט חלילה פארטריבען פון איהר ארט. איז דער פסוק מפורש פאר וואס איז דאס (וזרע אין לה) ווייל זיא האט ניט קיין קינדער. דאס מיינט מען מצות. (ושבה אל בית אביה כנעוריה) וועט איהר סוף זיין זיא וועט צוריק קערין צו איהר פאטערס הויז. אזויא ווי זיא איז גיוועזען אין איהרע יונגע יאהרין, דאס מיינט מען איידער זיא איז געקומען אויף דיא וועלט. (מלחם אביה תאכל) פון דיא שפייז פון איהר פאטער וועט זיא עסין. כלומר זיא וועט נהנה זיין פון דעם וואס מען גיט איהר גישאנקען בעולם הבא. אבער ניט איהר פארדינט. נאר דאס איז נאר. ווען ער האט איהר ניט פאראונרייניגט דורך מעשים רעים. אבער (וכל זר) ווען זיא איז חלילה גיווארין פרעמד פון השי"ת דורך מעשים רעים (לא יאכל בו) וועט דיא נשמה בעולם הבא ניט האבין קיין זאך. איבער דעם באדארף מען זעהן זיך צו היטין פון שלעכטס. אונ זעהן צו טוהן גוטס פון וועגין דיא נשמה זאל ניט בדארפין חלילה זיין נע ונד. אונ זיא זאל ניט בדארפין ווערין פארשעמט צו נעמין גישאנקען בעולם הבא. נאר זיא זאל נעמין איהר שכר בעולם הבא וואס זיא האט זיך פארדינט מיט איהרע מעשים טובים: אונ דאס איז דיא כוונה אין פסוק (משלי ח) (ושונא מתנות יחיה) דער מענטש וואס האט פיינד צו נעמין מתנות וועט ער לעבין. ווארום דער זהר זאגט אז דיא נשמה איידער זיא

קומט

קומט אין גוף אריין בעולם הזה נעמט זיא בעולם הבא גישאנקען, דאס ווערט גערופין נהמא דכסופא. פארשעמט ברויט. זיא ווערט דורך דעם פארשעמט. דריבער שיקט מען איהר אראפ בעולם הזה אין גוף אריין זיא זאל זיך פארדינען איהר שכר בעולם הבא. אונ דריבער דער מענטש וואס וויל ניט פארדינען. נאר ער פארלאזט זיך צו נעמין מתנות פון מענטשין וואס מען שענקט איהם. זאגט מען אויף איהם אין הימיל. ווען דוא ווילסט ניט ארבייטען אונ דוא שעמסט זיך ניט צו נעמין מתנות. גייא צוריק לעולם הבא וועסטו דארט נעמין מתנות. אבער דער מענטש וואס האט פיינד צו נעמין מתנות נאר ער וויל אליין ארבייטין אונ פארדינען. לאזט מען איהם לעבין אויף דיא וועלט פון וועגין ער זאל ניט בדארפין בעולם הבא צו נעמין מתנות: אונ דער ס׳ עיר גבורים טייטשט דעם פסוק ע״פ רמז אזוי. (ובת כהן כי תהיה אלמנה) אונ ווען די שטאט ציון אונ ירושלים וואס ווערין גערופין מיט דעם נאמין בת. וועט ווערין איין אלמנה וואס איהרע באוואגערס זענין גישטארבין (וגרושה) אונ זיא וועט ווערין פארטריבען פון השי״ת. (וזרע אין לה) אונ איהרע קינדער האט זיא ניט. זייא וועלין גיין אין גלות. נאר פון דעסט וועגין איז דער פסוק מבטיח (ושבה אל בית אביה) ווען זיא וועט טוען תשובה אונ זיא וועט תפלה טוען אין גאטס הויז (כנעוריה) אונ זיא וועט ווערין צוריק גוט אזוי וויא זיא איז גיוועזין אין איהרע יונגע יאהרין. וויא אין דיא פריערדיגע צייטין. (מלחם אביה תאכל) וועט זיך גאט אויף איהר דערבארמען אונ זיא וועט וויטער ציען השפעה אונ וועט ווערין געשפייזט פון גאטס השפעה:

(כג) (ח) (והקרבתם אשה לה׳ שבעת ימים) דיא זיבציג יאהר פון מענטש ווערין גירופען זיבען טעג. זאגט דער פסוק. איהר זאלט זעהן דערלאנגען צו גאט ברוך הוא אפייער אפפער דאס איז דיא תורה הקדושה מיט איהרע מצות. גאנצע זיבציג יאהר וואס איהר לעבט. אונ איהר בדארפט צו וויסען אז וויא באלד איהר וועט זיך אזוי נוהג זיין. (ביום השביעי) ווען עס וועט שוין זיין גיקאנטשיט דער זיבעטער טאג. דאס איז דער סוף פון דיא זיבציג יאהר. דאמאלס (מקרא) וועט מען דיר ריפען (קדש) לעולם הבא וואס זיא איז היילינ. כלומר ווען ער וועט שטארבין וועט מען איהם גלייך אריין לאזען אין דעם גן עדן. אונ דער מענטש זאל זיך ברעכינען אז נאר בעולם הזה ווען ער לעבט קען ער זיך פארדינען פיל שכר צו נעמין בעולם הבא. אבער דארט בעולם הבא (כל מלאכת עבודה לא תעשו) וועט איהר שוין ניט קענין עפיס טוען מצות. איהר זאלט זיך פארדינען שכר:

(כב) (ובקצרכם וגו׳) עס שטייט אין פסוק (וקצרו לפי חסד) איהר וועט שניידין נאך אייערע חסדים נאך, כלומר איהר וועט נעמין אייער שכר בעולם הבא נאך אייערע גוטע מעשים נאך. געפונין מיר אז דאס נעמונג שכר בעולם הבא ווערט גרופין מיט דעם נאמין קצירה. אבשניידין, אזוי וויא מען שנייד אפ דיא תבואה איז דאס שכר פאר דיא ארבייט וואס ער האט געארבייט אין דעם פעלד, אזוי דער שכר פון עולם הבא איז דער אפשניד פון זיין ארבייט וואס ער האט געארבייט מעשים טובים בעולם הזה. אונ דער גוף פון מענטש ווערט גרופין ארץ ווארום ער איז דאך פון ערד. אונ דאס ווארט (לא תכלה) קען מען טייטשען זאלסט ניט גלוסטין אזוי וויא עס שטייט אין פסוק (כלתה לתשועתך נפשי) מיין זעלע גלוסט צו דיין הילפע. אונ דיא גמרא זאגט (כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא) יעדער מענטש האט אחלק בעולם הבא. נאר עס טרעפט זיך אמאל ווען אמענטש טוהט חלילה אגרויסע עבירה. פארלירט ער זיין חלק בעולם הבא. זאגט דיא גמרא אז זיין חל׳

גים

ניט מען אוועק צו זיין חבר דעם צדיק . אזי דיא בונה אין דעם פסוק אזוי . (ובקצרכם) ווען איהר וועט וועלין אבשניידין שכר בעולם הבא . זאלט איהר זעהן (את קציר ארצכם) אז עס זאל נאר זיין אייער אייגענער שכר פון אייער גוף וואס איהר האט עס אליין פארדינט בעולם הזה . אבער (לא תכלה) זאלסט ניט גלוסטין (פאת שדך בקצרך) דעם עק פון דיין פעלד אין דיין שניידן . כלומר ווען דוא זעהסט דיין חבר וויל טוען איין עבירה . וועסטו זיך טראכטין אז עס איז פאר דיר בעסער ער זאל טוען דיא עבירה וועט ער פארלירען זיין חלק בעולם הבא , וועט מען עס דיר געבין . זאלסטו דאס ניט גלוסטען . נאר דוא זאלסט איהם זעהן צו שטראפין ער זאל ניט טוען דיא עבירה . דאס ער זאל ניט פארליהרן זיין חלק . (ולקט קצירך לא תלקט) אונ אויך זאלסטו ניט פארלאנגען אפ צו קלויבן דיין שכר פון דיינע מעשים טובים בעולם הזה . נאר (לעני) פון וועגין דיא נשמה וואס זיא איז ארום (ולגר) אונ וועגין דעם גוף וואס ווען ער ליגט אין קבר איז ער גלייך וויא איין גר (תעזוב אתם) זאלסטו דעם שכר פיר דיינע מעשים טובים איבער לאזין , (אני ה' אלהיכם) איך בין אייער גאט קענסטו מיר גלויבין אז איך וועל דיר דיין שכר אוועק געבין : (לו) (שבעת ימים) דיא זיבן טעג דאס מיינט מען דיא זיבציג יאהר פון אייער לעבין (תקריבו אשה לה') זאלט איהר דערלאנגען פייער אפפער צו גאט . כלומר איהר זאלט לערנין תורה אונ טוען איהרע מצות . (ביום השמיני) אונ אנפאנגים פון דעם אכטין טאג . דאס מיינט מען נאך דיא זיבציג יאהר ווען דער מענטש וועט שטארבען (מקרא קדש יהי' לכם) וועט זיין צו אייך אהייליג רופינג , מען וועט אייך רופען אין גן עדן אריין . (והקרבתם אשה לה') אונ איהר וועט מיט זיך מיט נעמין אייערע מעשים טובים אונ איהר וועט עס דערלאנגען צו גאט ברוך הוא , ווען איהר וועט אייך אזוי פירין , אז איהר וועט אין אייער גאנצעם לעבין נאר לערנין תורה אונ טוען מצות ומעשים טובים . קענט איהר זיין פאר זיכערט (עצרת היא) אז אייער נשמה וועט שוין ווערין דארט בעולם הבא פארהאלטין . (כל מלאכת עבודה לא תעשו) איהר וועט ניט ווערין נאך אמאל מגולגל בעולם הזה צו ארבייטן דארט שווערע ארבייט . נאר איהר וועט שוין זיין אין גן עדן : (מ) (ולקחתם לכם ביום הראשון) אונ איהר זאלט אייך נעמין אין ערשטין טאג . דאס מיינט מען אין דיא ערשטע צעהן יאהר (פרי עץ הדר) דעם שיינעם בוים פרוכט . דאס מיינט מען איהר זאלט לערנין דיא תורה הקדושה אונ טוען איהרע מצות (וואס דאס איז גלייך וויא אבוים מיט זיינע פרוכט) נאר אין דיא יונגע יאהרין איז דאך דער שכל ניט אזוי וויא עס בדארף צו זיין , איז נאך זיין תורה וואס ער לערינט ניט אזוי שיין , נאר עס איז גלייך (כפת תמרים) וויא דיא צווייג פון דיא טייטלען דאס מיינט מען אלולב וואס ער האט ניט קיין טעם , אונ אויך איז ער שוואך . נאר דערנאך ווען זיין שכל ווערט אלע מאל גרעסער (וענף) ווערט זיין תורה גלייך וויא אשטארקע צווייג . (עץ) אונ דערנאך ווערט זיא נאך גרעסער ביז זיא איז גלייך צו אבוים . (עבת) ביסלעך וויים ווערט זיא אלע מאל גרעבער . (וערבי נחל) אונ אויך זאל ער תיכף אין דיא יונגע יאהרין טוען מצות , ווען אויך ער טוהט אן כונה . אזוי ווי דיא רייטליך וואס עס וואקסט ביים טייך וואס האבין ניט קיין טעם . נאר ווען ער וועט זיך אין דיא יונגע יאהרין איינגעוואהנען צו טוען מצות . איז דער פסוק מבטיח (ושמחתם לפני ה' אלהיכם שבעת ימים) אז איהר וועט זיך אזוי פרייען פאר גאט ברוך הוא . אונ וועט טוען זיינע מצות מיט פיל פרייד . דיא גאנצע זיבען טעג דאס מיינט מען דיא גאנצע זיבציג יאהר :

(כה) (א) (וידבר ה' אל משה) אונ גאט האט גערעד צו משה. זאגט דער פסוק פון וואס האט עס משה רבינו זוכה געווען אז גאט זאל צו איהם רעדין. (בהר סיני לאמר) ווייל משה רבינו האט זיך גירעכינט זעהר קליין ער איז געווען זעהר אגרויסער עניו. אזוי ווי מיר געפונען ווען גאט ברוך הוא האט געוואלט געבין די תורה. זענין געקומען אלע העכסטע בערג. זייא האבין גירעכינט ווייל זייא זענין זעהר גרויס וועט השי"ת אויף זיי געבין דיא תורה. אונ דער בארג סיני האט זיך גיהאלטען זעהר קליין אונ ער האט גירעכינט אז אויף איהם וועט השי"ת געוויס ניט וועלין געבין די תורה. דאריבער האט ער זוכה געווען אז השי"ת האט אויף איהם יוא גיגעבין דיא תורה אונ אויף זיי ניט. ווארום השי"ת האט פיינד דעם וואס ער האלט זיך גרויס. ער האט נאר ליב דעם וואס ער האלט זיך נידעריג. אזוי משה רבינו ווייל ער איז געווען אעניו האט ער זוכה געווען אז השי"ת האט מיט איהם גערעד: רש"י הקדוש פרעגט (מה ענין שמיטה אצל הר סיני) פאר וואס שטעלט דא דער פסוק דיא ווערטער (בהר סיני לאמר) צו ווייזין אז דער דין פון שמיטה איז גיזאגט גיווארין אויף דעם בארג סיני. אונ ביי אנדערע מצות שטייט ניט אזוי אז זיי זענין גיזאגט גיווארין אויף דעם בארג סיני? ענטפערט אויף דעם דער ס' נחל קדומים אזוי. ווארום ספרים שרייבין אז דער טעם פון דעם וואס דיא תורה האט פארזאגט אז דאס זיבעטע יאהר זאל זיין שמיטה. איז ווייל דיא גמרא ברענגט אז רבא האט גיזאגט צו זיינע תלמידים (לא תחזו אפאי ביומי ניסן ווומי תשרי) איהר זאלט אין דיא צוויי חדשים ניסן אונ תשרי ניט קומען צו מיר לערנין, ווארום אין די צוויי חדשים בדארף מען זיך פארנעמין מיט דיא ארבייט פון פעלד. קען מען דיא צווייא חדשים ניט לערנין, נמצא אין זעקס יאהר גייט דאך אוועק צוועלף חדשים וואס מען לערנט ניט אין זייא, דריבער דארף מען דאס זיבענטע יאהר מאכין שמיטה. מען זאל נאר ניט ארבייטין אין דיא פעלדער וועט מען קענין גאנצע צוועלף חדשים לערנין. דאס מען זאל אפלערנין אנטקעגין דיא צוועלף חדשים וואס מען האט אין דיא פריערדיגע זעקס יאהר ניט גילערינט. מיט דעם איז שוין פארענטפערט וואס דא ביי דעם דין פון שמיטה שטייט דערמאנט בהר סיני דאס קומט צו ווייזין אז דריבער האט מען בפוילין דיא מצוה פון שמיטה פון וועגין מען זאל קענין לערנין דיא תורה וואס עס איז גיגעבין גיווארין אויף דעם בארג סיני: (ב) (דבר אל בני ישראל) טייטשט דער אור פני משה אזוי דעם פסוק רעד צו דיא ישראל. זייא זאלין ניט זארגין אונ מיינען אזוי ווי דיא ערשטע צוויי בית המקדשין זענין חרוב גיווארין. אזוי דער דריטער בית המקדש וועט אויך חרוב ווערין. זאגט דער פסוק (ואמרת אליהם) אונ זאלסט צו זייא זאגין (כי תבאו אל הארץ) ווען איהר וועט יעצט אריין קומען קיין ארץ ישראל (אשר אני נותן לכם) וואס איך גאט אליין וועל עס צו אייך געבין. קענט איהר פאר זיכערט זיין (ושבתה הארץ) אז דאס לאנד וועט שוין בלייבין אפגערוהעט ביי אייך (שבת לה') איין אפרוהינג צו גאט. איהר וועט שוין זיין אין דעם לאנד אויף עוויג אונ איהר וועט דינען גאט ברוך הוא: (ג) (שש שנים תזרע שדה וגו') זעקס יאהר. דאס מיינט מען דיא זעקס טויזינד יאהר ביז דיא צייט פון משיח וועט איהר בדארפין זעלבסט צו ארבייטין. אליין דאס פעלד צו פאר זייען. אונ פון דעם ווייַנגארטען דיא צווייגין ארום שניידין. אונ דיא פרוכט אליין צו פאר זאמלען: (ד) (ובשנה השביעית) אבער אים זיבענטין יאהר דאס איז דיא זיבענטע טויזינד יאהר וואס וועט אנקומען. (שבת שבתון יהי' לארץ) וועט זיין איין אברוהינג צום לאנד (שבת

להי

להי) דאס אפרוהיגג וועט זיין צו אייך פון גאטס וועגן. איהר וועט זיין אפגערוהט פון זייענין איהר זאלט קענין טוהן אין עבודת הבורא. (שדך לא תורע וגו׳) דוא ועסט ניט בעדארפין צו ארבייטן נאר אנדערע וועלען פאר דיר ארבייטן: (יח) (ועשיתם את חקתי) מיינע חקים וואס אויף זייא ווייסט איהר ניט קיין טעם. פאר וואס איך האב זיי באפוילין. נמצא איז דאך אייער מחשבה ניט פארטוען אין זייא. ווארום דיא זאך וואס מען פארשטייט עס ניט מיט דעם שכל איז דער שכל אין דעם ניט אריין געטוען. נמצא בעדארפט איהר זעהן דיא חקים צו טוען. (ואת משפטי) אונ מיינע משפטים וואס איהר פארשטייט מיט אייער שכל דעם טעם פון זיי. איז ווען אויך (תשמרו) איהר טוהט זיי אבהיטין אין אייערע גידאנקען. איהר בארעכינט זייא מיט אייער שכל און קלערט אין זיי איז עס ביי מיר חשוב גלייך (ועשיתם אתם) ווי איהר וואלט זיי גיטאן. איך וועל אייך פאר אייער לערנין אין דיא משפטים אויך געבין שכר גלייך ווייא איהר מהוט זיי. (וישבתם על הארץ לבטח) ווען אויך איהר וועט זיצען אויף דעם לאנד מיט פאר זיכערונג, איהר וועט גאר קיין משפטים אונ דינים ניט האבען מיט קייגעם. פון דעסט וועגין זאלט איהר לערנין דיא משפטים פון דיא תורה: (כ) (וכי תאמרו וגו׳) דיא גמרא זאגט (מי שיש לו פת בסלו ואומר מה נאכל למחר הרי זה מקטני אמנה) דער מענטש וואס ער האט אויף איין טאג צו עסין אונ ער זארגט אויף מארגין. ווייא וועט ער נעמין מארגין צו עסין. איז ער פון דיא וואס גלויבין ניט אין גאט. איז דאך קשה וואס זאגט דא דער פסוק (וכי תאמרו) אונ ווען איהר וועט זאגין (מה נאכל וגו׳) וואס וועלין מיר שפעטיר עסין. מען טאר דאך דאס גאר ניט זאגין? נאר דיא כונה איז אזוי, (וכי תאמרו) אונ ווען קענט איהר יוא זארגין אונ פרעגין (מה נאכל) וואס וועלין מיר האבין שפעטיר צו עסין. (בשנה השביעית) דאס קענט איהר נאר פרעגין וועגין דעם זיבענטין יאהר. דאס מיינט מען עולם הבא (ווארום עולם הזה ווערט גרופין דיא וואכידיגע טעג. אונ עולם הבא ווערט גרופין שבת וואס דאס איז דער זיבענטער טאג) דער מענטש בדארף אלע מאל רעכינען גלייך ווי ער האט נאך גאר ניט געטוען קיין מצות. אונ ער בדארף אלע מאל זאגין. (הן לא נזרע) מיר האבין נאך גאר ניט פארזייעט קיין מצות בעולם הזה. (ולא נאסף את תבואתנו) וועלין מיר דאך חלילה ניט האבין בעולם הבא קיין תבואה איינצוזאמלין, אונ דורך דעם וועט זיך דער מענטש אלע מאל נעמין צו טוען פיל מצות ומעשים טובים. אונ אפשר וועט עס דיר שווער זיין, ווייל דוא בדארפסט דאך ארבייטין וועגין פרנסה. זאגט אבער גאט ברוך הוא. ווען דוא וועסט נאר תמיד זארגין וועגין דעם וואס דוא קענסט ניט טוען קיין מצות, אונ דיין רצון וועט זיין צו טוען פיהל מצות. נאר דוא דארפסט פרנסה. זאג איך דיר: (כא) (וצויתי את ברכתי לכם בשנה הששית) איך וועל בפוילין מיין ברכה צו אייך אונ אייערע יאהרין פון עולם הזה. איהר זאלט האבין פיהל פרנסה. איהר זאלט צייט האבין. (ועשת את התבואה) צו טוען מצות אונ מעשים טובים (לשלש השנים) איהר זאלט דורך דעם גישפייזט ווערין אין אלע דריי צייטען. דאס איז עולם הזה ווען דער מענטש לעבט. אונ דיא צייט פון זיין טויט, אונ עולם הבא:

(כג) (והארץ) אונ דאס לאנד ארץ ישראל ווען אויך מען האט עס פון אייך צו גנומין פון דעסטוועגין (לא תמכר לצמתת) וועט זיא ניט בלייבין פארקויפט אויף אייביג. (כי לי הארץ) ווארום דאס לאנד איז דאך מיינע. וועל איך עס אייך צוריק געבין. אונ איהר זאלט ניט מיינען ווען איהר זענט אין גלות. בין איך גאט חלילה אבגעשייד פון

איך

אייך, גיין. (כי גרים) סיי ווען איהר זענט אין גלות, וואס איהר זענט דארט גריט (ותושבים) אונ סיי ווען איהר וועט צוריק ווערין בזעצט אין אייער לאנד. (אתם עמדי) זענט איהר אלץ מיט מיר, איך בין פון אייך אין גלות אויך ניט אפגעשייד: אויך איז דיא כוונה (כי גרים) איהר באדארפט זיך דערמאנין ווען איהר זענט גיווען גרים אין מצרים. (ותושבים אתם עמדי) זענט איר גיווארין בעזעצט מיט מיר אין ארץ ישראל. אזויא האט איהר צו האפען אז עס וועט יעצט אויך אזויא זיין: גאך קען מען טייטשין (והארץ) אונ דער גוף וואס ער איז פון ערד (לא תמכר לצמיתות) זאל ניט פארקויפט ווערין צום יצר הרע אויף אייביג. אונ ווען חלילה דער מענטש האט שוין אמאהל גיהארכט צום יצר הרע זאל ער ווייטער שכל האבין אין זיך ניט לאזין אנרעדין פון איהם. אונ ווען דער יצר הרע קומט נאך אמאהל צום מענטש, קען ער איהם הארכען. נאר ער זאל וויסען (כי לי הארץ) ער זאל איהם נאר הארכין פון מיינעט וועגין, כלומר ווען דער יצה״ר קומט צום מענטש אונ זאגט איהם ער זאל עסין אונ טרינקין אונ שלאפין קען ער איהם הארכין נאר ניט צו פרעסין אונ צו זויפין אזוי ווי אבהמה, נאר עסין אונ טרינקען אונ שלאפין פון וועגין צו האבין כח צו טוען אין עבודות הבורא. (כי גרים) מען דארף זיך ברעכינען אז מען איז בעולם הזה נאר גלייך וויא אגר אין אפרעמד לאנד, אונ אזוי וויא אגר אין אפרעמד לאנד זארגט ניט וועגין דעם לאנד אזוי דארף דער מענטש ניט אזוי פיל זארגין וועגין דעם גוף איהם צו מאכין פעט. אונ ווען איהר וועט זיך אזוי פירן (ותושבים אתם עמדי) וועט איהר בעזעצט ווערין מיט מיר כלומר איהר וועט זוכה זיין צו התגלות אלהות. עס זאל בייא אייך זיין אנדערקענט דאס געטליכקייט: (כה) (כי ימוך אחיך) ווען דוא וועסט זעהן אז דיין ברודער ווערט פאר ארעמט פון מצות ער הייבט אן גאך צו גיין נאך דעם יצר הרע (ומכר מאחזתו) אונ ער פאר קויפט זיין נשמה וואס זיא איז זיין אחוזה זיין איבער בלייבונג. אונ ער פארקויפט זיא צום יצר הרע (ובא גאלו הקרוב אליו) באדארף צו קומען זיין פריינד וואס ער איז צו איהם נאהונט (וגאל את ממכר אחיו) אונ זאל אויסלייזען זיין ברודערס פאר קויפונג, כלומר ער זאל איהם מחזיר בתשובה זיין אונ ארויס נעמין זיין נשמה פון דעם יצר הרע: (כו) (ואיש כי לא יהיי לו גאל) אונ דער מענטש וואס וואהנט למשל אויף אדארף וואס ער האט דארט גים קיין מענטש וואס זאל איהם שטראפין. (והשיגה ידו) בדארף ער זעהן אז זיין האנד אליין זאל גרייכין, זיך צו ערוועקין תשובה צו טוען. אונ דער פסוק איז מבטיח ווען ער וועט זיך נעמין צו דעם (ונמצא כדי גאלתו) וועט ער שוין געפונען מיט וואס זיך אויס צו לייזין פון יצר הרע. ער זאל לערנין אין ספרים וועט ער זעהן וויא שלעכט עס איז ווען מען זינדיגט, אונ וויא גרויס עס איז דאס וואס מען טהוט תשובה: (כז) (וחשב את שני ממכרו) אונ ער זאל האבין ארעכנונג וואס ער האט געטוהן אין דיא אלע יאהרין. וואס ער האט זיך פאר קויפט צום יצר הרע. (והשיב את העדף) אונ ער זאל מאכין אוועק קערין דאס פארמערונג. כלומר דיא מותרות אונ תאוות זאל ער פון זיך אוועקקערין (לאיש אשר מכר לו) ער זאל עס לאזין בייא דעם מאן, דאס איז דער יצר הרע. וואס ער איז גיוועזן ביז אהער צו איהם פארקויפט, כלומר ווען דער יצר הרע וועט איהם ווייטער אנרעדין צו טוען שלעכטם זיך תאוות נאך צו געבין אונ מותרות צו פארברענגין, בדארף ער איהם ניט צו הערין, (ושב לאחזתו) דאמאלס וועט ער זיך צוריק קערין צו זיין נשמה. זיא וועט פון איהם גיט ווערין אפגישייד:

וואס

(כח) (ואם לא מצאה ידו די השיב לו) אונ ווען חלילה ער וועט זיך ניט נעמען מיט פיהל קראפט תשובה צו טהון. וואס דורך דעם וועט ער זיך מאכען צוריק קערין צו זיין ערשטע מדרגה. (והיי ממכרו ביד הקנה אתו) קען חלילה זיין אז ער וועט אזוי בלייבין פארקויפט אין דיא האנד פון יצר הרע וואס ער האט איהם אפגעקויפט. (עד שנת) ביז דעם יאהר (היובל) וואס ער וועט ווערין געפירט אין קבר (זובל איז דער טייטש פירין) (ויצא ביבל) אונ דער נאך ווען ער וועט שוין זיין אין קבר וועט ער נאך אמאהל ארויס גיין, כלומר זיין נשמה וועט נאך אמאהל מגולגל ווערין פון וועגין (ושב לאחוזתו) ער זאל צוריק קערין צו זיין ערשטע מדרגה. איבער דעם בדארף דער מענטש צו זעהן תיכף צו טוען תשובה. אונ מתקן זיין צלם וואס ער קען פון וועגין ער זאל ניט דארפין מגולגל ווערין נאך אמאהל: (לו) (אל תקח מאתו נשך ותרבית) ווען דוא פאר בארגסט דיין חבר געלד זאלסטו פון איהם ניט נעמין קיין פראצענט, אונ זאלסט ניט זאגין ער גיט דאך דאס מיר אליין מיט זיין גוטען ווילען, זאג איך דיר. (ויראת מאלהיך) זאלסט אבער מורא האבין פאר דיין גאט וואס ער פאר זאגט עס דיר. (וחי אחיך עמך) פון וועגין דיין ברודער זאל לעבין מיט דיר. ווארום דיא גמרא זאגט (כל הנוטל רבית אינו קם לתחיית המתים) דער וואס נעמט פראצענט וועט ער ניט אויפשטיין קיין תחיית המתים. זאגט דער ס׳ רביד הזהב אז דער טעם פון דעם איז. ווייל ווען גאט ברוך הוא האט פארזאגט צו אדם הראשון ער זאל פון דעם עץ הדעת ניט עסין. אונ ווען ער וועט יוא עסין וועט ער אין דעם טאג באלד שטארבען. אונ דער נאך ווען ער האט גיגעסין איז גיקומען דער מלאך המות צו השי״ת מיט אטענה. אז ער באדארף גיין נעמין דיא נשמה פון אדם הראשון. ווארום ער האט דאך גיגעסין פון עץ הדעת. האט איהם השי״ת גיזאגט. בארג איהם צו מיר ביז איך וועל איהם דיר געבין. האט אדם נאך גילעבט ביז ניין הונדערט אונ דרייסיג יאהר. קען דאך דער מלאך המות מאנען פאר דיא גאנצע צייט פראצענט. נאר דער דין איז דאך אבער אז מען טאר ניט נעמין קיין פראצענט. אבער דער מענטש וואס נעמט פראצענט. קומט דאך אויס אז דורך איהם האט דער מלאך המות אויך צו מאנין פראצענט. דריבער שטייט דער מענטש ניט אויף קיין תחיית המתים ווארום ער בלייבט ביים מלאך המות פאר פראצענט. ווארום אזוי וויא ער נעמט פראצענט אזוי נעמט איהם דער מלאך המות פאר פראצענט. אונ דאס מיינט דער פסוק מיט דיא ווערטער (וחי אחיך עמך) ווען דוא וועסט ניט נעמין קיין פראצענט וועט זיין ווען דיין ברודער וועט אויפשטיין תחיית המתים אונ וועט לעבין וועסטו אויך אויפשטיין. אונ ער וועט מיט דיר ביידע זאמען לעבין. אבער חלילה ווען דוא וועסט נעמין פראצענט וועט ער יוא לעבין אונ דוא ניט:

# פרשת בחקתי

(כו) (ג) (אם בחקתי וגו׳) דער אור פני משה טייטשט אזוי דיא פסוקים. דיא מצות פון דיא תורה הקדושה זענין איינגעטהיילט אין צווייערלייא סארטין. איין סארט מצות ווערין גערופין (מצות השכליות) וועלכע מצות וואס ווען דיא תורה וואלט זיי ניט גיזאגט וואלט דער שכל פון מענטש אליין פארשטאנען אז מען באדארף גהיט זיין אין דיא מצות. למשל דאס וואס מען איז פארבאטין פון צו גנבינען אונ גזלינען אונ הארגינען. אונ דעסט גלייכין. פאר שטייט מען זיי מיט דעם שכל אז מען טאר

זיי ניט טוען. אונ למשל ערליך האלטין פאטער אונ מוטער אונ דעסט גלייכין איז אויך דער שכל מחייב אז מען דארף עס טוען. אונ דיא אנדערע סארט מצות ווערין גערופין (מצות השמעיות) וועלכע מצות וואס דער שכל פון מענטש איז ניט מחייב זיי צו טוען, נאר הש"י האט זיי פארבאטין אויף דעם מענטש ער זאל זיי טוען. נאר אן אטעם. למשל דיא מצוה פון פרה אדומה אונ דעסט גלייכין פאר שטייט מען עס ניט מיט דעם שכל. מען איז פארבאטן פון צו גיין אין שעטנז. אונ דעסטגלייכין נאך אזעלכע מצות וואס מען איז פארבאטין מען זאל זיי ניט טוען. פארשטייט מען עס ניט מיט דעם שכל פאר וואס מען טאר זיי ניט טוען. אונ דיא סארט מצות ווערין אויך גרופין (חקים) גיזעץ. נאט האט זיי פארבאטין אויף דעם מענטש אז דער מענטש זאל זיין אין זיי גיהיט. ווען אויך ער ווייסט ניט דעם טעם פון זיי. אונ דאס איז ידוע אז דער מענטש גלוסט בעסער צו טוען דיא מצות וואס ער פארשטייט זיי מיט זיין שכל. דריבער קומט דער פסוק צו זאגין אז אלערליי מצות באדארף זיין ביים מענטש גלייך ער זאל זיי אלע מקיים זיין מיט פול לוסט. זאגט דער פסוק (אם בחקתי) איך פארזאג אייך אז אין מיינע גיזעץ דאס מיינט מען דיא מצות וואס איהר פארשטייט זיא ניט מיט אייער שכל (תלכו) זאלט איהר גיין אין זיי טוען מיט דעם זעלביגען לוסט. (ואת מצותי תשמרו) וואס איהר האט ווען איהר גייט צו טוען דיא מצות וואס איהר פארשטייט זיי מיט אייער שכל. (ועשיתם אתם) איהר זאלט זייא אלע טוען: אויך איז דיא כונה (אם בחקתי תלכו) ווען אויך איהר גייט נאר צו טוען מיינע חקים. ווען אויך איהר האט זייא ניט גיטוען. דהיינו ער האט איהם עפיס גיטראפין איין אונס וואס דורך דעם האט ער דיא מצוה ניט גיקענט טוען. (ואת מצותי תשמרו) אונ ווען איהר וועט אבווארטין אויף דיא צייט וואס איהר וועט שוין קענין מקיים זיין מיינע מצות. למשל מקיים זיין דיא מצוה פון תפלין. די מצוה פון סוכה. אונ דעסט גלייכין, וועט איהר שוין פריער האפען אז עס זאל שוין זיין דיא צייט וואס איהר זאלט שוין קענין מקיים זיין דיא מצוה. איז עס ביי מיר חשוב גלייך (ועשיתם אתם) וויא איהר האט זיי שוין גטוען. אונ איך וועל אייך פאר דעם אויך געבין פיל שכר: (ונתתי) אונ איך וועל אייך געבין דעם שכר (גשמיכם) פון אייערע גופים וואס איהר האט מיט זייא גיטוען דיא מצות (בעתם) אין זייער צייט. דאס מיינט מען נאך תחיית המתים ווען דער גוף וועט צוריק אויפשטעהן. (ונתנה הארץ יבולה) ווען דיא ערד וועט צוריק ארויס געבין דעם גוף וואס ער איז גיווארין אין איהר אריין געפירט ווען ער איז גישטארבין: אויך איז דיא כונה. (ונתתי גשמיכם) אונ איך וועל געבין אייער פרנסה (בעתם) אין דער צייט. פון וועגין (ונתנה הארץ) אז דער גוף זאל געבין (יבולה) איהרע פרוכט. דאס מיינט מען עס וועט אייך אנקומין אייער פרנסה זעהר גרינג דאס איהר זאלט קענין טוען מצות. (ועץ) אונ דער תלמיד חכם וואס ער לערינט דיא תורה וואס ווערט גרופין (אין משלי ג' פסוק י"ח) עץ חיים. זיא איז אלעבעדיגער בוים צו דיא וואס לערנין זיא. (השדה) וואס דורך דעם וועט ער זיין אין פעלד פון גן עדן (יתן פריו) וועט ער געבין זיין פרוכט. ער וועט האבין זיין פרנסה בריווח פון וועגין ער זאל קענין פיל לערנין: (ה) (והשיג לכם דיש את בציר) אונ ווען אויך איהר לערינט תורה אונ טוהט מצות: בדארפט איהר זעהן זיך זעהר צו היטן פון דעם יצר הרע ער זאל אייך חלילה ניט אנרעדין צו שלעכטס. אונ איהר זאלט זיך ניט איינרעדין אז ווען איהר לערינט תורה אונ טוהט מצות וועט צו אייך דער יצר הרע ניט קענין צו גיין

זאג איך אייך (והשיג לכם דיש) דער יצר הרע וואס ווערט גרופין דיש איין טרעטער. אזוי ווי דער מענטש טרעט אונ קלאפט די תבואה זיא זאל ריין זיין. אזוי דער יצר הרע רעדט אן דעם מענטש צו טאן שלעכטס אונ לאזט איהם ניט אפ קיין איינציגע פון אנצורעדין. פון וועגין דעם ווען דער מענטש הארכט איהם ניט אונ איז ריין פון עבירות גיעמט ער פיל שכר) קען אייך חלילה גרעבין (את בציר) דורך איין קליין אבבייסונג. ער וועט אייך נאר אנרעדין איהר זאלט זיך אויף ארגע אבבייסין פון דעם לערנען. וועט ער שוין ביסליך ווייס אייך אזוי אריין קריגען. (ובציר) אונ ווען ער וועט נאר פתגל דין מיט זיינע רייד אייך אויף אקליינע צייט אבצובייסין פון די תורה (ישיג את זרע) וועט ער שוין ביסליך ווייס אריין קריגין דאס וואס איהר האט ביז אהער פערזייעט. כלומר די תורה אונ די מצות וואס איהר האט ביז אהער גילערינט אונ גיטוען וועט ער דאס פון אייך אוועק חאפין. דריבער זאג איך אייך (ואכלתם לחמכם) איהר זאלט נאר תמיד לערנין די תורה וואס זיא ווערט גירופען אייער ברויט. (לשבע) ווען אויך איהר זענט שוין פול זאט פון איהר זאלט איהר אליין נאך לערנין. דאמאלס (וישבתם לבטח בארצכם) וועט איהר קענין זיין פארזיכערט מיט אייערע גופים אז דער יצה"ר וועט אויף זיי ניט שולט זיין: אונ אויך איז די כונה. והשיג לכם דיש) ווען איהר ווילט קריגין דעם יצר הרע. אונ איהם האלטין פעסט ער זאל אויף אייך קיין שליטה ניט האבין, איז עס ניט קיין שווערע זאך. (את בציר) דורך דעם ערשטין מאל וואס איהר וועט זיך פון איהם אפרייסין אונ איהם ניט הערין. וועט אייך שוין דערנאך זיין זעהר גרינג פון איהם זיך אין גאנצין אפצורייסין. (ובציר ישיג את זרע) אונ דורך דעם וואס איהר וועט זיך פון איהם אפרייסין וועט עס אייך מאכין קריגין זאמען פון תורה אונ מצות ומעשים טובים. (ואכלתם לחמיכם לשבע) אונ איהר זאלט לערנין די תורה צו זאט. וועט אייך די תורה אויך זיין צו הילף אנטקעגין דעם יצר הרע. אונ נאך אתקנה האט איהר ווען איהר ווילט (וישבתם לבטח) זיצען צו פארזיכער איהר זאלט ניט מורא האבין פאר דעם יצה"ר (בארצכם) איהר זאלט זיך דערמאנען אין דעם טויט וואס דער גוף וועט דאמאלס ליגען אין די ערד אין קבר. ווען איהר וועט זיך אין דעם דערמאנען וועט איהר שוין ניט צו הערין צום יצה"ר: (ו) (ונתתי וגו׳) אונ איהר זאלט ניט זאגין אז ווען איהר וועט נאר לערנין תורה וועט איהר דורך דעם שלאף ווערין. זאג איך אייך (ונתתי שלום בארץ) איך וועל געבין שלום אין דעם גוף. כלומר די כחות וועלין זיך ניט שטארקין איינער אויף דעם אנדערין וואס דורך דעם ווערט דער מענטש שלאף נאר זייא וועלין אלע זיין גאנץ, עס וועט ביי זיי זיין שלום. אונ אויך (ושכבתם) ווען איהר וועט ליגען אין קבר (ואין מחריד) וועלין דיא ווערים אייך ניט דער ציטערין צו עסין פון אייך דאס פלייש. (והשבתי חיה רעה מן הארץ) אונ דערנאך ווען איהר וועט אויפשטיין תחיית המתים וועל איך פאר שטערין דעם יצר הרע פון גוף (וחרב לא תעבר בארצכם) אונ דריבער וועט שוין דיא שווערד פון מלאך המות נאך אמאהל ניט פאר ביא געהן אויף אייערע גופים. איהר וועט שוין דער נאך ניט שטארבען דורך דעם מלאך המות: (ז) (ורדפתם את אויביכם) אונ איהר זאלט זעהן תמיד צו פאר יאגין פון אייך אייערע פיינד דאס מיינט מען דיא כוחות פון דעם יצר הרע. (ונפלו לפניכם) אונ זייא זאלין פאלין פאר אייך (לחרב) דורך דיא שווערד פון דיא תורה אונ מצות: (ח) (ורדפו מכם חמשה) אונ דורך דיא פינף חלקים פון דיא תורה וועט איהר פאר יאגין (מאה

הונגערט פון זיי. (ומאה מכם) אונ דורך אייערע הונגערט ברכות וואס איהר מאכט אלע טאג (רבבה ירדפו) וועט איהר פאר יאגין פיל טויזינד. (ונפלו) אונ אלע כחות הטומאה וואס קומען פון דעם יצר הרע וועלין פאלין (לפניכם) פאר אייך (לחרב) דורך אייער שווערד פון דיא תורה אונ מצות: (ט) (ופניתי אליכם) אונ איך וועל זיך צו אייך קערין (והפריתי אתכם) אונ וועל אייך זיין צו היליף דאס איהר זאלט זיין פרוכטבאר מיט פיהל מצות (והרביתי אתכם) אונ וועל אייך פאר מערין מיט פיל מעשים טובים; (והקימותי את בריתי אתכם) אונ איך וועל בעשטעלין מיין בונד מיט אייך: (י) (ואכלתם ישן נושן) אונ ווען אויך דער יצר הרע איז שוין חלילה בייא אייך פאר עלטערט איהר האט איהם שוין זעהר אלאנגע צייט גיהערט, פון דעסט וועגין דורך תשובה קענט איהר איהם פארצערין. (וישן) אונ דער יצר הרע וואס ער איז אלט. וואס ער קומט צום מענטש תיכף ווען ער ווערט גיבארין. (מפני חדש) פון וועגין דעם יצר טוב וואס ער קומט יעצט צום מענטש צו דרייצען יאהר (תוציאו) זאלט איהר דעם אלטען ארויס ציען פון אייך: (יא) (ונתתי משכני בתוככם) אונ איך וועל געבין מיין רוהיגג אין אייך זעלבסט. אין אייערע גופים. (ולא תגעל נפשי אתכם) אונ בייא נאכט ווען אייער נשמה גייט פון אייך אוועק אין הימעל ארויף וועט זיא אייך ניט פאר לאזין. נאר זיא וועט צו אייך צוריק ארויף גיין: אונ דער ס' נחל קדומים ברענגט פון הארי הקדוש וועגין אזוי עפ"י רמז. דיא גמרא זאגט (אין בן דוד בא עד שיכלו כל הנשמות שבגוף) משיח בן דוד קען אנדערש ניט קומען ביז עס וועט גיקאנטשיט ווערין אלע נשמות פון דעם אוצר וואס ער ווערט גירופען גוף. אונ דער זהר הקדוש זאגט אז פון חורבן הבית אן איז נאך ניט ארויס גיגאנגען קיין נייע נשמות. נאר דיא אלע פריערדיגע נשמות וואס זיי זענין גיוועזין אין די פריערדיגע מענטשין, ווען זיי האבין ניט מתקן גיוועזין אלעס וואס זייא האבין גבארפט מתקן צו זיין, ווערין זייערע נשמות אלע מאל מגולגל ביז זייא וועלין אלעס מתקן זיין. אונ דאמאלס וועט קומען משיח, אונ דיא מענטשין וואס וועלין דאמאלס גיבארין ווערין וועלין זיי שוין האבין נייע נשמות. דאס זאגט דער פסוק (ואכלתם ישן נושן) איהר וועט אלץ נאר עסין כלומר איהר וועט לעבין מיט די אלטע נשמות וואס זיי זענין שוין גיוועזין אויף דיא וועלט. (וישן מפני חדש תוציאו) אונ איהר זאלט זעהן אוים צו ציען אלע אלטע נשמות איהר זאלט אלעס מתקן זיין וועלין שוין דיא אלטע נשמות בלייבין אין זייער ארט פון וועגין עס זאלין שוין קענין ארויס גיין דיא נייע נשמות. דאמאלס (ונתתי משכני בתוככם) וועל איך געבין מיין רוהיגג אין אייך. עס וועט קומען משיח אונ עס וועט געבויעט ווערין דער בית המקדש. (ולא תגעל נפשי אתכם) אונ דיא נשמה וואס זיא איז אחלק אלוה וועט שוין פון אייך ניט ווערין אויסגעשפיגען: (ט) (ואם בהמה) ווען דער מענטש גייט עסין וואס דאס טוהט אין בהמה אויך. בדארף ער זעהן אז זיין עסין זאל ניט זיין אזוי וויא אבהמה, נאר (אשר יקריבו ממנה קרבן לה') ער זאל זעהן צו עסין אז דורך דעם עסין זאל ער האבין וואס מקריב צו זיין צו גאט איין קרבן כלומר ער זאל עסין פון וועגין צו האבין כח צו לערנין אונ צו טוען מצות. (כל אשר יתן ממנו לה') אונ אויך בדארף ער זעהן אז אלץ וואס ער גיט צו גאט, דאס וואס ער לערינט אונ דאס וואס ער טוהט מעשים טובים (יהיה) זאל עס זיין (קדש) הייליג. דיא כונה זאל ניט זיין פון כבוד וועגין נאר פון גאטס וועגין:

בז (יז) (אם וגו') דיא גמרא זאגט ווען דער מענטש טוהט תשובה מאהבה, פון גאטס ליבשאפט. ער באדענקט זיך וואס האט ער גטוען אז אנטקעגין אזוי אגרויסין גאט האט ער גזינדיגט. ווערט פון זיינע עבירות וואס ער האט ביז אהער גטוען, צו זכיות, אונ ווען ער טוהט תשובה מיראה, פון פארכט. ער שרעקט זיך פאר דיא שטראף,

ווערין דיא עבירות וואס ער האט גיטוהן ביז אהער במזיד גירעכינט גלייך וויא ער וואלט זיי גטוהן בשוגג. דאס איז מרומז אין דעם פסוק (אם משנת היבל יקדיש שדהו) ווען דער מענטש וועט זיך נעמין צו זיין פעלד. דאס מיינט מעז זיין גוף. וועט ער היילינגען דורך דעם וואס ער דערמאנט זיך אין דעם יאהר פון יובל דאס מיינט מען דיא צייט פון זיין שטארבין וואס דאמאלס איז ער שוין פרייא פון דיא ארבייט פון דיא מצות. (אדער משנת היובל איז דער טייטש פון דעם שלאף וואס דערנאך וועט ער ווערין אוועק געפירט. דאס מיינט מען דעם טויט. וואס דערנאך ווערט ער געפירט אין קבר אריין: אונ דורך דעם נעמט ער זיך צו טוהן תשובה. (כערכך יקום) ווערין דיא עבירות בלייבין שטיין נאך דיין יעצטיגען אבשאצונג, כלומר עס ווערט איהם גירעכינט דיא עבירות וואס ער האט פריער גיטוהן במזיד גלייך וויא ער וואלט זייא יעצט גיטוהן. אונ יעצט וואלט ער זייא געוויס ניט גיטוהן במזיד נאר בשוגג:

(יח) (ואם אחר היבל יקדיש שדהו) אונ ווען דער מענטש וועט זיך נעמין צו היילינגען דעם גוף אונ צו טוהן תשובה דורך דעם וואס ער באזרעכינט זיך וואס עס וועט זיין נאך זיין טויט. דאס ער וועט דארפין שטעהן אנטקעגין השי״ת, אונ ער באזרעכינט זיך וויא אזוי וועל איך נאר קענין דאמאלס מיינע אויגין אויפהייבין אנטקעגין השי״ת. וויא גיט ער איז צו מיר גיוועזן אין מיין לעבין ער האט מיר אלץ גיגעבין אונ איך האב איהם ניט גיהארכט. ווען דורך דעם וועט ער טוהן תשובה (וחשב לו הכהן) וועט איהם השי״ת רעכינען זיינע פריערדיגע עבירות גלייך (את הכסף) וויא זילבער כלומר זיי וועלין ווערין זכיות. (על פי השנים הנותרות עד שנת היובל) דורך דיא יאהרין וואס עס בלייבט איהם איבער פון דיא צייט ביז דעם יאהר פון יובל. כלומר דורך דיא מעשים טובים וואס ער וועט יעצט טוהן ביז זיין טויט. (ונגרע) אונ דיא פריערדיגע עבירות וועלין גאר אין גאנצין גימינערט ווערין (מערכך) פון דיין שאצונג מען וועט זייא גאר ניט רעכינען פאר עבירות. נאר אדרבה זייא וועלין זיין זכיות:

(יט) (ואם גאל יגאל את השדה) זאגט דער פסוק ווען דער מענטש וועט זיך נעמין אויס צו לייזין זיין פעלד. כלומר ער וועט זיך נעמין צו תשובה צו בעפרייען זיין גוף פון דעם יצר הרע. סיי ער וועט טוהן תשובה מיראה, אונ סיי מאהבה. איז עס אלץ (המקדיש אתו) דורך השי״ת וואס ער היילינגט איהם. ער העלפט איהם אנטקעגין דעם יצר הרע. (ויסף חמשית כסף ערכך) אונ גאט וועט פארמערין דאס פינפטיל פון דיין זילבערנעם אבשאצונג. כלומר דאס ביסיל כח וואס דוא בעמיהעסט זיך ווען דוא נעמסט זיך צו תשובה. ווען אויך דער עיקר התעוררות קומט פון השי״ת. אונ ער העלפט דיר מנצח צו זיין דעם יצה״ר, וועט ער עס פארמערין (עליו) אויף זיין כח וואס ער גיט דיר. (וקם לו) אונ דיין אבשאצונג וועט בלייבין שטעהן צו איהם כלומר דוא וועסט אנהויבין צו טוהן גוטס אונ צו זיין צו השי״ת: (כ) (ואם לא יגאל את השדה) אונ ווען דער מענטש בלייבט אין זיין נארישקייט חלילה. אונ נעמט זיך ניט צו טוהן תשובה אונ צו בעפרייען זיין גוף פון דעם יצר הרע (ואם מכר את השדה לאיש אחר) אונ ווען ער פאר קויפט חלילה זיין גוף צום יצר הרע. זאל ער וויסען (לא יגאל עוד) אז עס וועט איהם שוין שווער זיין זיך צו בעפרייען פון איהם: (כא) (והי׳ השדה בצאתו ביבל) איבער דעם בעדארף דער מענטש זיך אויף וועקין פון זיין שלאף אונ זיך נעמען צו טוהן תשובה. אונ זעהן אז זיין גוף ווען ער וועט דארפין צו שטארבין זאל ער זיין (קדש לה׳) היילינג צו גאט. (כשדה החרם) אזוי וויא דער גוף פון דעם צדיק וואס ער מאכט איהם אין זיין לעבין פאר וויסט, ער גיט איהם ניט נאך קיין תאוות. (לכהן תהי׳ אחזתו) וועט זיין גוף זיין צו השי׳: